STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09551

MAYN BUKH

Bezalel Friedman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעצאַלעל פרידמאַן

מיין בוך

לייענבוך פאַרן דריטן קלאַס

צייכענונגען פון ש. קאַמינסקי

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס פאַרלאַג
פון דער יידישער סעקציע,
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
ניו יאָרק, 1938

Copyright by the
COOPERATIVE BOOK LEAGUE OF THE
JEWISH SECTION, INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Avenue, New York
October, 1938
209

געדרוקט אין 3,000 קאַפּיעס

דאָס נייע ליד

● א. רייזען

און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שאָלעם —
דאָך קומען וועט,
צי פרי, צי שפּעט
די צייט — עס איז קיין כאָלעם !

איך הער דאָס ליד
פון ליבע, פרייד,
די מעכטיקע געזאַנגען —
און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט אָן :
די זון איז אויפגעגאַנגען !

עס עקט די נאַכט,
די וועלט דערוואַכט —
פול האָפענונג, לוסט און שטרעבן.
דו הערסט — אין לופט
אַ שטימע רופט :
צו מוט און קראַפט און לעבן !...

מאַנטיק

● מאַרק טווין

1.

מאַנטיק אין דער פרי. טאַם האָט זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט.

„ס'וואָלט זייער גוט געווען איצט מיט אַ מאָל קראַנק ווערן" — טראַכט ער זיך — „דעמאָלט וואָלט איך געבליבן אין דער היים!"

אָבער ס'טוט אים קיין זאַך ניט וויי. ער באַטראַכט זיך — עפּעס שניידט אַ ביסל אין בויך. ער דערפרייט זיך, אָבער ס'גייט באַלד איבער און טאָם נעמט ווידער טראַכטן.

פלוצלונג — סאַראַ גליק! דער אויבערשטער צאָן שאָקלט זיך. טאָם וויל שוין אָנהויבן שרייען. אָבער דאָ באַטראַכט ער זיך, אַז ווען ער זאָל אָנווייזן אויפן צאָן, קאָן נאָך די מומע פאָלין דעם צאָן אַרויס־רייסן. און פאַר אַרויסרייסן אַ צאָן האָט ער זייער מוירע — ס'טוט דאָך שטאַרק וויי!

און עס בלייבט באַ אים — לאָזן דעם צאָן אויפן לעצטן פאַל און דערווייל זוכן עפּעס אַן אַנדערע קרענק.

ס'איז שווער, זייער שווער צוטראַכטן. נאָר ביסלעכווייז נעמט ער זיך דערמאָנען, אַז אַמאָל האָט דער דאָקטער דערציילט אַ געשיכטע וועגן איינעם אַ קראַנקן, וואָס איז צוליב אַ פינגער געלעגן איבער דריי וואָכן אין בעט.

2.

טאָם שטעקט האַסטיק אַרויס פון אונטער דער קאָלדרע דעם פינגער, וואָס אַ שוואַרצער זשוק האָט אים נעכטן איינגעביסן, און נעמט אים באַטראַכטן. איין צאָרע נאָר — ער ווייס ניט, וואָס פאַר אַ סימאָנים מ'דאַרף האָבן צום קראַנקן פינגער. ער וועט אָבער פּרואוון, עפּשער וועט זיך איינגעבן.

און ער הייבט אָן צו קרעכצן.

דער ברודער סיד, וואָס שלאָפט צוזאַמען מיט טאָמען, הערט אָבער, ווייזט אויס, ניט דאָס קרעכצן. טאָם שטרענגט זיך אָן און



קרעכצט שטאַרקער. און ס׳נעמט זיך אים דאַכטן, אַז דער פינגער הייבט טאַקע אָן ווי צו טאָן. סיד רירט זיך נאָך אַלץ ניט.

טאָם ווערט מיד. ער רוט זיך אַ ביסל אָפּ און נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט. ער מאַכט דאָס אַזוי קונציק, ווי אַן עמעסער כוילע.

סיד ליגט אַלץ און כראָפּעט.

טאָמען כאַפּט אָן אַ קאַס. ער הייבט אָן צו שרייען און צו טרייסלען דעם ברודער:

— סיד! סיד! סיד!...

דאָס העלפט. סיד כאַפּט זיך אויף, גענעצט זיך אוים, הייבט זיך אויף און קוקט אָן טאָמען.

סיד פרעגט באַ אים:

— טאָם, וואָס איז דיר, טאָם?

טאָם ענטפערט ניט.

— טאָם, הער נאָר, טאָם! וואָס איז דיר? — פרעגט איבער סיד און קוקט מיט שרעק דעם ברודער אין פּאָנעם אַריין.

טאָם האָט שוין אָבער קיין קויעך ניט. קוים וואָס ער קרעכצט.

— לאָז מיך, סיד! לאָז! ס׳איז מיר שלעכט!

— וואָס איז דיר, טאָם? איך וועל אַריינרופן די מומע!...

— מ׳דאַרף ניט... ס׳וועט איבערגיין... רוף ניט...

— וואָס איז דיר, טאָם? הער אויף צו קרעכצן, איך האָב מוירע. זאָג, וואָס טוט דיר וויי?

— רעד ניט, סיד, איך קאָן ניט! אָך!

— פאַרוואָס האָסטו מיך פריער ניט אויפגעוועקט? הער אויף, טאָם! ס׳איז שרעקלעך! זאָג, וואָס טוט דיר וויי?

— איך בין דיר מוחל, סיד... פאַר אַלץ, וואָס דו האָסט מיר געטאָן... אַז איך וועל שוין ניט זיין...

— טאָם, טאָם! וואָס איז דאָס, דו שטאַרבסט?...

— איך בין אַלעמען מוחל, סיד... זאָג זיי דאָס און געדענק: מיין רעמעלע און מיין קעצעלע גיב אַוועק דעם מיידעלע, וואָס איז ניט לאַנג צוריק אַהער געקומען צו פאָרן, און זאָג איר...

סיד האָט אַרויפגעכאַפּט אויף זיך עפּעס אַ בעגעד און איז אַרויסגעלאָפן.

איצט האָט זיך שוין טאָם אַזוי צוגעוואוינט צו זיין ראָל, אַז דער קרעכץ איז אויסגעקומען אַזוי ווי נאַטירלעך.



סיד איז אַראָפּגעלאָפֿן צו דער מומען און האָט אויסגעשריען:
— מומע! גיכער! טאָם שטאַרבט אַוועק!
— שטאַרבט אַוועק?
— יאָ, גיכער, קומט אַרויף!
— נאַרישקייטן, ער וועט ניט שטאַרבן! — האָט זי געזאָגט. פֿונדעסטוועגן האָט זי זיך גלייך געלאָזט לויפֿן צו טאָמען. סיד און די שוועסטער מערי זיינען איר נאָכגעלאָפֿן.

3.

די מומע איז געוואָרן בלאַס. די ליפּן האָבן באַ איר געציטערט.
— טאָם, וואָס איז דיר? — האָט זי קוים אַרויסגעזאָגט.
— איי, מומע, איך . . .
— זאָג, וואָס איז, וואָס איז דיר, מיין קינד!
— מומע, דער פֿינגער . . .
די מומע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן שטול און גענומען לאַכן, דערנאָך וויינען, און נאָכדעם ביידע זאַכן צוזאַמען.
— אָ, טאָם, ווי דו האָסט מיך איבערגעשראָקן!... נו, גענוג שוין צו מאַכן זיך נאַריש! שטיי אויף!
די קרעכצן האָבן אויפֿגעהערט, און דער פֿינגער האָט שוין מער ניט וויי געטאָן.
דער יינגל האָט זיך אַ ביסל פֿאַרשעמט און געזאָגט:
— מומע, ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שטאַרב. ס'האָט אַזוי געשטאָכן, אַז איך האָב גאָר פֿאַרגעסן אָן צאָן.
— דער צאָן? וואָס איז מיט דיין צאָן?
— ער שאָקלט זיך און טוט שרעקלעך וויי...
— ווייז אַ קוק טאָן, עפֿן אויף דאָס מויל, אָבער הער אויף צו

קרעכצן... יאָ, דער צאָן שאָקלט זיך טאַקע, דערפון וועסטו אָבער ניט שטאַרבן... דערלאַנגט מיר אַ פאָדעם.

— מומעלע — האָט זיך טאַם אָנגעהויבן צו בעטן — זעט, רייסט אים ניט אַרויס, אַט האָט ער שוין אויפגעהערט וויי צו טאָן. איך וועל שוין מער ניט דערציילן אייך, אַז ער וועט אַפילע וויי טאָן. זעט, טשעפּעט אים ניט. איך וויל גאָרניט בלייבן אין דער היים. איך גיי, איך גיי אין שול !...

— אַ־אַ־אַ ! דו ווילסט שוין ניט ? דעם גאַנצן טומל האָסטו דאָס געמאַכט, קעדיי צו בלייבן אין דער היים, ניט צו גיין אין שול !... איי, טאָם, טאָם, איך האָב דיך אַזוי ליב, און דו טוסט מיר שטענדיק אָן צאָרעס.

דערווייל האָט מען צוגעגרייט געצייג אויף אַרויסצורייסן דעם צאָן.

די אַלטע האָט אַרומגעדרייט איין ברעג פון דעם פאָדעם אַרום דעם צאָן און דעם צווייטן צוגעבונדן אָן בעט. אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין דער צאָן געהאַנגען אויפן פאָדעם.

אַז מע איז פויל, האָט מען ניט אין מויל.

דאָס רעדט מיין טאַטע

אַ יינגעלע האָט זיך געפוילט צו גיין אין שול. האָט ער טעלעפאָנירט צום לערער :

— מיין זון קאָן היינט ניט גיין אין שול.

פרעגט דער לערער :

— ווער רעדט עס ?

ענטפערט אים דאָס יינגעלע :

— דאָס רעדט מיין טאַטע.

דאָס ליד פון ברויט

● מאַני לייב

פאַר די העגטלעך אין די רינגען
קליינע שיינע קינדער זינגען:
— וואָלקן, וואָלקן, גיב אַ רעגן
פון די קליינע קינדערס וועגן!
ווייזט אַ וואָלקן זיך פון אויבן,
נעמען זיך די פעלדער שטויבן,
און ווי פּערל רעגן ריין
טריף-טראָפּ, טריף-טראָפּ הייבט אָן גיין.

נעמען זיך די פעלדער שפּרייטן,
פריש צעאַקערטע אין בייטן.
ווערן גרינע קאָרן-זאַנגען
אויף די פעלדער אויפגעגאַנגען.
הייבט אַ טוי אויף זיי אָן פאַלן,
וואַרעמט זיי די זון מיט שטראַלן.
ווערן פעלדער געל ווי גאָלד,
פול מיט קאָרן, ריינעם גאָלד.

קומען שניטער מיט די מעסער,
איינס פון צווייטן שאַרפער, גרעסער.
שניידן שניטער, שניידן, זינגען,
אַזש די שאַרפע מעסער קלינגען,
אַזש די פעלדער ווייט פאַרשטאַרבן.
און דעם קאָרן אין די גאַרבן
לייגן זיי אין סקירדעס אויס,
ביז צום הימל הויך און גרויס.

נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן
דורך די בערג און דורך די טאָלן

אין די מילן אויסצומאָלן.
הייבן אָן די ווינטן ווייען
און די מילן-פליגלען דרייען.
מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווייסן מעל.

נעמט דער בעקער מעל מיט הייוון
און פאַרהייצט זיין גרויסן אויוון.
ברענט דאָס פייער, שייטלעך קנאַקן,
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באַקן.
קויפן מאַמעס ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגען אויף די טישן.
עסן קינדער פרישן ברויט,
זיינען זיי געזונט און רויט.

ווי מען מאַכט אַ בייגל

מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ כעלעמער:
— ווי אַזוי מאַכט מען אַ בייגל?
האָט דער כעלעמער געענטפערט:
— מע נעמט אַ לאָך און מען לייגט אַרום מיט טייג.

באַם טייך

• שאָלעם אַלייכעם

דרויסן איז זומער. דער הימל איז ריין, לויטער ווי אַ שפּיגל. קיין ווינטעלע. די זון שמייכלט. די זון בראָט. די זון באַקט. מיר לאָזן זיך גיין אַלע אינאיינעם צום טייך באָדן זיך, כאַפּן פישעלעך. מיר טאַנצן, בלעקען און מעקען, ווי די קעלבלעך. איינער פאַרקרימט דאָס פּאָנעם, ווי אַ מאַלפּע, און מיאוקעט ווי אַ קאַץ. דער אַנדערער ענטפערט אים האַוו-האַוו-האַוו, ווי אַ הינטל. און דער דריטער קוואַקעט, ווי אַ קאַטשקע: קוואַ-קוואַ-קוואַ! דער פערטער דרייט זיך אויף איין פוס, אין אַ ראָד, און זינגט:

איינס, צוויי, דריי,
יאָדער-לידער-ליי,
אָקן באָקן
מיט די גלאָקן...

אַלע אויסגעטאָן, אויסגעבאָדן זיך, אַרוים פון טייך — ליגן מיר שוין אויסגעצויגן אויפן אָנגעגליטן זאַמד, קעגן דער הייסער ברענענדיקער זון. נאָר צוויי פון אונדז, כייעם דער גרויסער און כייעם דער קליינער, זיינען נאָך אין וואַסער. זיי האָבן קונציק צונויפגעבונדן צוויי העמדלעך אינאיינעם פאַר די אַרבל, געמאַכט אַ נעץ און זיי כאַפּן פישלעך. דאָס הייסט, ס'זאָל זיין פישלעך, וואָלטן זיי געכאַפּט. דער כיסאָרן איז, וואָס ס'איז ניטאָ קיין פישלעך. דאָס הייסט, פישלעך זיינען פאַראַן, נאָר צו כייעם דעם גרויסן און כייעם דעם קליינעם אין דער נעץ ווילן זיי ניט גיין, זיי האָבן קיין כיישעק ניט.

— טיפער, כייעם, טיפער! בויג זיך, כייעם, בויג זיך! צום ברעג! נאָר פּאַוואָלינקע די פישלעך!

אַזוי קאָמאַנדעוועט כייעם דער גרויסער מיט כייעם דעם קליינעם, און ביידע פיש-כאַפּערס גייען אָנגעבויגן ביזן האַלדז אין וואַסער,

שלעפּן פּאַוואָלינקע די נעץ אַרויס צום ברעג, קוקן־קוקן אין העמד אַריין — ניטאָ קיין פישלעך.

— לאָזט אונדז, מיך מיט מאָטלען, מיר וועלן גיכער כאַפּן!

אַזוי זאָגט מאָטל דער רויטער און שפּרינגט אַריין מיט מאָטל דעם שוואַרצן אין וואַסער אַריין, און די נייע צוויי פיש־כאַפּערס אַרבעטן ניט שלעכט, גייען געשמאַק, טריט בא טריט, רעכט איינגעבויגן, קימאַט מען קריכט אויפן אָפּגרונט פון טייך.

און דער טייך פינקלט, וויגט זיך, שפּיגלט אָפּ אין זיך דעם הויכן הימל, וואָס ציטערט אין וואַסער, טרייסלט זיך אַהין און אַהער. דרויסן איז שטיל. שטיל און רואיק. אַפילו די זשאַבעס, וואָס האָבן ביז אַהער געלאָזט זיך הערן מיט זייער קעררר־קעררר און מיט זייער בול־בול, זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן. עס שליסן זיך די אויגן, עס גלוסט זיך — אוי, גלוסט זיך ליגן מיטן נאָסן לייב אויפן הייסן טרוקענעם זאַמד, ליגן האַלב־צוגעמאַכט די אויגן און דרימלען... מיטאַמאָל הערט זיך אַ קאָל:

— געכאַפּט! געכאַפּט!

אַלע טוען מיר זיך אַ וואָרף און אַ לאָז אַראָפּ-באַרג צום ברעג, צו די נייע צוויי פיש-כאַפּערס, קוקן אַריין אין דער נעץ אַריין און דער־זעען: סע וואָרפט זיך אין אַרבל פון העמד.

— פיש! פיש! — זאָגן מיר אַלע און טאַנצן אונטער. און אַזוי ווי מיר זינגען און טאַנצן — אַז סע שפּרינגט ניט אַרויס פון דער נעץ גלייך אויף אונדז אַ גרויסע, אַ גרויע זשאַבע, מיט צוויי וואַסערדיקע אויגן!

כעוורע ווערט נאָך פריילעכער. מע וואַלגערט זיך אין זאַמד. מע פּליושקעט זיך אין טייך. ס'איז גוט, גוט אָן אַן עק.

מען דאַרף אים ניט וואַשן

אַ כעלעמער יינגעלע האָט געזען, ווי זיין מאַמע וואַשט אַ פיש.

— וואָס טוסטו, מאַמע? — האָט דאָס יינגעלע געפרעגט.

— דו זעסט דאָך — האָט די מאַמע געענטפערט — איך וואַש אים אויס, ער זאָל זיין ריין.

— וואָס דאַרפסטו אים וואַשן? — האָט דאָס יינגעלע ווידער געפרעגט — ער איז דאָך אַלעמאָל געלעגן אין וואַסער.

ס'וועט גאָרניט העלפן

די מאַמע האָט געבעטן יעקעלען פאַרמאַכן דאָס פענצטער, ווייל אין דרויסן איז זייער קאַלט.

רופט זיך אָפּ יעקעלע:

— מאַמע, ס'וועט דאָך אָבער גאָרניט העלפן. אַז איך וועל צומאַכן דאָס פענצטער, וועט דאָך אין דרויסן אַלץ איינס וואַרעמער ניט ווערן.

סאָף־זומער

● בעצאַלעל פרידמאַן

שווער געאַרבעט האָבן זומער
פויגל, מוראַשקע און בלום;
ניט געשיידט האָט זיך דער פאַרמער
מיט זיין פעלד פון זון ביז זון.

זון האָט ליכט אויף ערד געגאָסן
און געצייטיקט פרוכט און ברויט;
פייגל צווישן גרינע צווייגן
האָבן היימען אויפגעבויט...

און די קינדער פראַנק־און־פרייע
זיינען אומגעלאָפן ווילד —
האָט די זון צו היים געבראָטן,
האָט אַ ווינטל באַלד געקילט.

האָט די זון צו היים געבאַקן,
איז אין טייך זיך אָנגעקוויקט —
שלינגט אַ כוואַליע איין אַ כוואַליע,
שלינגט אַ כוואַליע זון אַ שטיק.

ליגט דער זומער איינגעמאַטערט,
און די זון איז אויך באַלד מיד...
קומען ווינטן זיי פאַרוויגן,
ווינטן מיט אַ האַרבסטיק ליד.

ניין כעלעמער האָבן זיך געבאָדן

● מ. קיפּניס

ניין כעלעמער זיינען זיך געגאַנגען באָדן אין כעלעמער טייך. אַז זיי האָבן זיך גוט אויסגעבאָדן און אַרויס פון טייך, האָבן זיי מוירע געהאַט, טאָמער האָט זיך כאָלילע איינער דערטרונקען — האָט איינער גענומען איבערציילן, צי אַלע זיינען דאָ. געציילט: ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי און אַזוי ווייטער. זיך האָט ער פאַרגעסן צו ציילן. שלעכט. ס'פעלט איינער. ס'איז דאָ אַכט.

אַלע קוקן זיך איבער. יעדער דערקענט זיך, אַז ער איז דאָ. געווען זיינען זיי ניין און איבערגעציילט האָט מען אַכט.

האָט אַ צווייטער גענומען ציילן, האָט ער אויך יעדן געציילט, נאָר זיך אַליין פאַרגעסן, איז ווידער אויסגעקומען אַכט...

זיצן זיי די כעלעמער אויפן זאַמד פונעם ברעג טייך און וויינען.

איז דורכגעגאַנגען אַ פרעמדער. פרעגט ער זיי, וואָס זיי וויינען. דערציילן זיי אים די גאַנצע מייסע.

האָט דער פרעמדער איבערגעציילט און זיך צעלאַכט:

— נאַראָנים, עס פעלט פון אייך קיינער ניט! איר זייט דאָך דאָ אַלע ניין...

— זייט ניט קיין קלוגער! מיר האָבן אַלע געציילט, איז אויס־געקומען אַכט, און ער איינער האָט איבערגעציילט, איז שוין גאָר ניין...

— ווייסט איר וואָס? — האָט דער פרעמדער זיך אָנגערופן — זאָל יעדער איינער פון אייך אַריינשטעקן זיין נאָז אין זאַמד אַריין, דערנאָך וועט איר איבערציילן די לעכער, וועט איר וויסן אויף זיכער, וויפיל איר זייט דאָ...

— גוט! — האָבן אַלע כעלעמער אויסגעשריען און אַזוי געטאָן. זיי האָבן אַריינגעשטעקט די נעז אין זאַמד אַריין, דערנאָך איבער־געציילט די לעכער, איז געווען ניין...

ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז זיי זיינען טאַקע דאָ אַלע ניין.

האַרבסט

● א. רייזען

שטילע גראָזן ציטערן,
טוליען זיך און בייגן זיך;
און די זון, די היטערן,
נעמט צום אָפּשייד נייגן זיך.

ביימעלעך פֿאַריאָמערטע
באַ די הויפֿן הוידען זיך;
בלעטלעך אָפּגעזומערטע
פֿלאַטערן און סוידען זיך.

וואָלקנדלעך צעשלאָגענע
אין דעם רוים צעשפּרייטן זיך,
פֿייגל שטום, צעטראָגענע
ערגעץ פֿליען גרייטן זיך.

קילער ווערן ווינטעלעך,
פֿרעמד און קאַלט גריסנדיק;
בלויז באַם הויז די קינדערלעך
שפּילן גאָרנישט ווײסנדיק.

אין כיידער

• שאָלעם אַלייכעם

מייער און מאָטל זיינען געווען טאַלמידים באַ רעב יאָסען אין כיידער. רעב יאָסע פלעגט זיי האַרגענען צען מאָל אַ טאָג, ברעכן די ביינער מיט אַ שטעקן. נאָר וויפיל מ׳האָט זיי ניט געשלאָגן, האָט זיך צו זיי די געמאָרע געקלעפּט, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט.

איינמאָל דאָנערשטיק זיינען זיי געקומען אין כיידער. אַלע כעוורע האָבן זיך געזעצט צום טיש. דער רעבע האָט אַ פּאַטש געטאָן איבערן טיש און אַ זאָג געטאָן:

— נעמט די געמאָרעס!

די קינדער נעמען די געמאָרעס, דאָס האַרץ קלאַפּט און די קני ציטערן. זיי מישן אויף. דער רעבע צעשאָקלט זיך און זאָגט:

— נאָ־אָ!

זיי הוסטן זיך אוים. דער רעבע צעשאָקלט זיך נאָך שטאַרקער און זאָגט נאָכאַמאָל:

— נאָ־אָ!

כעוורע טוען אַלע אַ קלאַפּ אין איין קאָל.

עס ווערט אַ שרעקלעכער ליאַרעם פון דרייצן מיילער. אַלע שרייען, אַלע קלינגען, איינער כאַפּט פאַרן אַנדערן, קוקט מיט איין אויג אין דער געמאָרע און מיטן אַנדערן אויף דעם רעבן. אַפילע מייער און מאָטל שרייען אויך, שאָקלען זיך ערנסט און דרייען מיטן גראָבן פינגער. און פּלוצלונג:

— שאַ! שששששאַ! שאַ!

אַזוי זאָגט דער רעבע און טוט אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבערן טיש. אַלע ווערן פאַרשטאָרבן. זיי פילן, ווי עס וואַרגט זיי עפּעס אין האַלדז און זיי קאָנען דאָס ניט אַראָפּשלינגען. אַ שרעקלעך שטיל שוויגעניש! גאַנץ שטיל טוט זיך דער רעבע אַ פרעג:

— זאָג זשע, מייערל מיין נאָכעס, וואָס האָסטו דאַ איבערגע־לייענט? זאָג, זאָג! שעם זיך ניט!

באַ מייערן קייקלען זיך שוין טרערן פון די אויגן גלייך-גלייך אויף דער געמאָרע אַראָפּ. דער רעבע רעדט אַזוי גלאַט, אַזוי רואיק:

— זאָג, נאַכעסל, זאָג, מייערל, שעם זיך ניט, וואָס אַרט דיך?...

באַ מייערן זיינען די באַקן שטאַרק פאַרפלאַמט, און די נאָז גלאַנצט ווי אַן עפּעלע. ער ווייס שוין זיין פּסאַק; ער ווייס, אַז אַט באַלד וועט מען אים הייסן אַרויסגיין פון הינטערן טיש, אַליין אַראָפּ־ציען די הייזלעך, אַליין אויסציען זיך מיטן פּאָנעם אַראָפּ אויף דער באַנק.

דער רעבע שטייט אויף, נעמט דעם קאַנטשיק און פּאַוואָלינקע, ניט געכאַפּט, באַטראַכט ער אים פון אַלע זייטן, נאָכדעם נעמט ער זיך צו דער מעלאָכע ערנסט און זינגט צו בעשאַם מייסע און שאָקלט צו מיטן קאָפּ:

שמיצלעך!
מיצלעך!
שמיצלעך!
מיצלעך!

אַ רויטער, אַ געשוואָלענער, אַ צעהאַרגעטער זעצט זיך מייער צוריק אויף זיין אָרט און קוקט אין דער געמאָרע אַריין און זעט ניט קיין אָס פאַר די אויגן, וואָס זיינען שוין געשוואָלן פון געוויין.

דער רעבע מעג

מאַטקע איז אַמאָל געקומען צום רעבן מיט אַ שיילע:

— רעבענקע, מען מעג הײנט גיין ראַטעווען אַ ציג?

ענטפערט אים דער רעבע:

— ניין, מאַטל, ס'איז שאַבעס.

זאָגט מאַטקע:

— רעבענקע, ס'איז אייער ציג.

— גיי, גיי גיכער! — האָט זיך דער רעבע דערלאַנגט אַ כאַפּ — מען מעג!

דער ווינט

● מוישע שיפּרים

ווער עס שפּילט אויף אַ פידל,
און ווער עס שפּילט אויף אַ פלייט —
דער ווינט שפּילט אויף זאַנגען,
וואָס דער פּאַרמער פאַרזייט.

באַנאַכט, ווען זאַנגען שלאָפן
מיט זאַטקייט שווער באַלאָדן —
דעמאָלט שפּילט דער ווינט
אויף די טעלעגראַף-דראָטן.



ווען דעם ווינט ווערט גאָר פרייליך,
שפּילט ער ווי אַ גאַנצע קאַפּעליע —
ער פּייקלט און קלאַפּט מיטן דאַך,
ווי מיט אַ טאַץ אויף דער סטעליע.

האַרבסט אין וואַלד

• מענדעלע מויכער ספאָרים

שאַ-שטיל איז אין וואַלד. די ביימער שטייען עפּעס פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט, גאָרניט דאָס פּאָנעם, וואָס פריער. זייער שאָקלען מיט די צווייגן, זייער זשומען איז אַ זיפצן פון אַ מוטער, וואָס בלייבט איבער אַליין, ווען אירע קינדער צעפאָרן זיך אין אַלע זייטן. דאָרט, וואו עס האָט ערשט געלעבט, זיך געראַשט, געזונגען, געשפרונגען אין איטלעכם ווינקעלע, איז איצט שטיל, רואיק. נישטאָ די פריערדיקע לעבעדיקייט און פרישקייט. אַלץ שטייט עפּעס ווי ברויגעז. דער הימל קוקט אויך נישט פריינטלעך און איז עפּעס שטאַרק אָנגעבלאָזן. וויסט איז אין די נעסטן — די פייגעלעך זיינען זיך צעפלויגן... פאַרזאָרגט, פאַרטראַכט שטייט דער וואַלד. ער מעג זיך ריכטן, אַז באַלד-באַלד וועט זיך אָנרוקן אויף אים אַ כמאַרע — דער ווינטער מיט זיינע ביטערע קעלטן. און ער איז אַצינד דעריבער פאַראומערט, שטאַרק באַטריבט.

באַם יאַם

● מאַני לייב

דער יאַם איז אָפן, ברייט און טיף.
איך שטיי באַם יאַם אַליין.
איך זע פון ברעג דאָרט ווייט אַ שיף
אין ווייטע לענדער גיין.

איך קוק איר נאָך. די זון פאַרגייט.
דער נעפּל וואַקסט. דער ווינט
מיט נאַכט און קעלט אין פּאָנעם ווייט.
די ווייטע שיף פאַרשווינדט.

דער יאַם ווערט פינצטער, גרויס און טיף
און רוישט באַ מיינע פיס.
אַ גוטע נאַכט, היי, ווייטע שיף,
אין ווייטע לענדער גריס.



דער אינדיק און די אינדיטשקע

• שאָלעם אַליבעם



אַמאָל איז געווען אַ פּאָר פאָלק, אַן אינדיק מיט אַן אינדיטשקע. און זיי האָבן זיך געלעבט, דאָס גליקלעכע פּאָרל, צופרידן, ווי מען זאָגט — אין אוישער און אין קאָוועד.

האָט זיך געטראָפן אַ מייסע. די אינדיטשקע האָט באַמערקט פון אַ צייט, אַז דער אינדיק גייט אַרום אָנגעבלאָזן און אַראָפּגעלאָזט דעם שנאָבל. פרעגט אים די אינדיטשקע:

— וואָס איז דיר? וואָס ביסטו אַזוי אָנגעבלאָזן?

ענטפערט איר דער אינדיק:

— וואָס פרעגסטו מיך? אַמער טו אַ קוק באַ מיר אויפן שנאָבל. וועסטו שוין זען.

הייבט אויף די אינדיטשקע די אויגן און רופט זיך אָן צים מאַן:

— באַ דיר אויפן שנאָבל איז ניטאָ גאָרנישט, אַכוץ אַ שטרויעלע.

רופט זיך אָן צו איר דער אינדיק:

— הערסטו, אָט דאָס שטרויעלע טוט מיר צום טויט, עס קיצלט מיר אין נאָז, באַמבלט זיך פאַר די אויגן — האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר!

דערהערט אַזעלכע דיבורים, צעלאַכט זיך די אינדיטשקע:

— דו נאַרישער אינדיק, וואָס דו ביסט! טו אַ טרייסל מיטן קאָפּ



און ווארף אראָפּ דאָס שטרוי־
עלע, וועט דיר ווערן אַ ליכט
אין די אויגן!

אויסגעהערט די דאָזיקע
אייצע, האָט זיך דער כאָכעם,
דער אינדיק, אָפּגעקערט אָן אַ
זייט (זיך געשעמט פאַר דער
אינדיטשקע) און אַראָפּגע־
וואָרפן דאָס שטרויעלע פון
שנאָבל — און ס'איז אים גע־
וואָרן אַ ליכט אין די אויגן.

דער קאַנאַריק

● מאָרים ראָזענפעלד

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין פרייען פעלד אַליין —
ווער קאָן זיין סימכע פילן?
ווער קאָן זיין פרייד פאַרשטיין?

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין רייכסטן פּאַלאַץ שוין —
ווער קאָן זיין ווייטיק פילן?
ווער קאָן זיין שמערץ פאַרשטיין?

אַן אומזיסטער כּשאַד

● לעאָן קאָברין

1.

ביידע זיינען נאָך געווען קינדער. זי. ראָזעלע, צען יאָר, און ער, מאָרים, צוועלף יאָר אַלט. ביידע האָבן געוואוינט אויף איסט בראָדוויי, אַ הויז לעבן אַ הויז. זי מיט אירע עלטערן האָבן פאַרנומען צוויי שטאָק מיט אַ סאַך פענצטער, ליכט און לופט; ער מיט זיינע עלטערן האָבן פאַרנומען אַ פינצטערן פייכטן קעלער מיט אַ סאַך רויך. איר פאָטער איז געווען אַ רייכער אַרויפגעאַרבעטער „ריל עסטייטניק"; זיין פאָטער — אַ שוסטער, אַ לאַטוטניק.

זי האָט אויסגעזען ווי אַ פרישע בלום, געווען פול, רונד און ווייס, מיט אַ פריילעך פּענעמל; ער איז געווען דאַר, מיט אַ שפּיציקן גוף און מיט אַ פּענעמל בלייך, לאַנג און אויסגעצויגן.

זיי האָבן ביידע ליב געהאַט מוזיק. זי האָט געשפּילט אויף דער



פּיאַנע און ער האָט געזונגען. האָט זי געשפּילט, איז ער געשטאַנען אונטער די פענצטער פון איר הויז און זיך צוגעהערט מיט אַ קלאַפּנדיק הערצל. האָט ער געזונגען, איז זי געשטאַנען לעבן קעלער, האָט זיך צוגעהערט צו זיין הארציק קאָל, און איר פריילעך פּענעמל האָט נאָך פריילעכער געשמייכלט.

און איין מאָל, אַז זיין זיס קאָל האָט זיך געגאָסן פון דעם טונקעלן שווארצן קעלער, איז זי געשטאַנען אין דרויסן מיט אַן אַפּעלסין אין האַנט און זיך צוגעהערט. מיט איין מאָל האָט זיך דאָס זינגען איבערגעריסן און פון קעלער איז אַרויס דאָס קליינע זינגערל. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים און אים אַריינגעשפּאַרט דעם אַפּעלסין אין די הענט.

מאָריס איז צעטומלט געוואָרן.

— פאַרוואָס גיסטו דאָס מיר? — האָט ער געפרעגט.

— ווייל דו זינגסט אַזוי שיין.

— און דו שפּילסט אויך שיין אויף דער פּיאַנע.

יענעם אָוונט האָט מאָריס געזונגען אַזוי שיין, ווי נאָך קיינמאָל ניט פריער, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ראָזעלע שטייט דאָרטן לעבן קעלער און הערט.

און פון דער צייט אָן זיינען די קינדער געוואָרן גרויסע פריינט.

2.

איינמאָל האָט ראָזעלע גערופן מאָריסן צו זיך אין שטוב. זי וועט שפּילן, האָט זי געזאָגט, אויף דער פּיאַנע און ער וועט זינגען.

— איך האָב מוירע, מען וועט מיך פון דיין שטוב אַרויסטרייבן — זאָגט מאָריס.

— ניט עמעס — מאַכט זי מיט זיכערקייט — זיי וועלן דיך ניט אַרויסטרייבן! און אין שטוב איז איצט אויך קיינער ניטאָ.

איז ער אַוועק מיט איר.

זי האָט אים אַלע אירע פּרעזענטן געוויזן, וואָס מ'האָט איר דאָס פאַריקע יאָר צו איר געבורטסטאָג געגעבן. און בלומען האָט זי יענעם טאָג אויך געהאַט פיל, זייער פיל פון אירע כאַווערטעס — האָט זי

אים דערציילט — און דעם קומענדיקן פינפטן יאַנואַר איז ווידער איר געבורטסטאָג, וועט זי נייע פּרעזענטן קריגן...

נאָכדעם האָט זי זיך צו דער פּיאַנע געזעצט און אָנגעהויבן שפּילן און ער האָט געזונגען.

אַרום פון דאָרטן איז מאָרים מיט אַ נייעם געדאַנק. צו איר געבורטסטאָג וועט ער איר שענקען בלומען. ביז דעמאָלט איז מער פון אַ מאָנאַט. ער קריגט פון זיין טאַטן יעדן טאָג אַ פּעני, וועט ער קלייבן.

3.

ווען עס איז געקומען דער פינפטער יאַנואַר, האָט מאָרים געהאַט אָנגעקליבן גאַנצע פינף און דרייסיק סענט. פאַרנאַכט, ווען ער איז געקומען פון שול, איז ער אַוועקגעלאָפן אויף גרענד סטריט און האָט דאָרט פאַר דעם גאַנצן געלט געקויפט אַ בוקעט רויטע בלומען, האָט זיי פאַרזיכטיק באַהאַלטן אונטער דעם פאַרשפּיליעטן רעקל און איז אַוועק אַהיים.

באַלד איז אַריינגעקומען ראָזעלע און האָט אים אַ רוף געטאָן.

— וואָס ?

— קום, וועסטו עפּעס זען.

— ווער איז דאָרטן אין דער היים ?

— קיינער ניט... פּאַפּאַ און מאַמע זיינען אַוועק איינקויפן פאַר די געסט. קום, וואָס האָסטו מוירע ?

ער איז אַוועק מיט איר.

4.

פירט ראָזעלע אים אַריין אין צימער און ווייזט אים אַלע פּרעזענטן און בלומען, וואָס זי האָט געקראָגן.

אויפן בעטל און אויף אַ שטול ליגן קעסטעלעך און קאַסטנס מיט פאַרשיידענע שפּילצייג, מיט היטעלעך, מיט מאַנטעלעך, מיט קליידעלעך, און בלומען אַ סך, זייער אַ סך שענערע פון זיינע, רויטע און ווייסע.

שטייט ער מיט אויפגעריסענע אייגעלעך און מיט אַן אָפן מויל.

— וואַרט — מאַכט זי — איך האָב דיר נאָך ניט אַלץ געוויזן! אין זאַל זיינען דאָ נאָך פּרעזענטן, וואַרט דאָ, איך וועל זיי אַהער ברענגען.

און זי איז אַרויסגעלאָפן.

מאָריכ האָט אַ טאַפּ געטאָן די בלומען באַ אים אונטערן רעקל און אַ טראַכט געטאָן, אַז זיי וועלן איר אַוודע ניט געפעלן ווערן, ווען זי האָט אַזויפיל שענערע. דאָך איז באַ אים געבליבן, אַז ווען זי וועט אַריינקומען, זאָל ער איר זיינע בלומען געבן...

פון קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט שטימען. מאָרים האָט זיך אומגעקוקט צעשראָקן.

אין צימער, וואו ער איז געשטאַנען, זיינען פּלוצלונג אַריינגעקומען ראָזעלעס פּאַפּאַ און מאַמע. זיי זיינען געבליבן שטיין פאַרוואונדערט און האָבן אָנגעקוקט מאָריסן.

— זע נאַר, וואָס טוט דאָ עפּעס דעם שוסטערס יינגל אַליין אין



צימער? צי האָט ער עפּעס ניט צוגעלאָזט־ — האָט אויסגעשריען ראָזעלעס פּאָטער.

— וואָס טוסטו דאָ, יינגעלע? — האָט ראָזעלעס מאַמע אויך געפרעגט.

— גאָרנישט — האָט מאַריס אַרויסגעמורמלט, אַ צעשראָקענער, ניט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן.

— זע נאָר, כאַנע, וואָס האַלט ער עפּעס דאָרט אונטערן רעקל? — האָט זיך ראָזעלעס טאַטע צו אים אַ וואָרף געטאָן.

מאַריסקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן בײַ די בלומען אונטערן רעקל און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. אָבער יענער האָט אים אָנגעכאַפּט, אַ שלעפּ געטאָן צו זיך און אַ ריס געטאָן מיט אַזאַ רעציכע, אַז די קנעפּלעך זײַנען אויף אַלע זײַטן אַרונטערגעפאַלן אויפן דיל.

— ווײ איז מיר! אַזאַ קליינער יינגל און איז שוין אַ גאַנעוו! — האָט ראָזעלעס מאַמע געבראָכן מיט די הענט.

— איך האָב עס געקויפט — האָט מאַריסקע געכליפּעט — איך האָב עס געקויפט.

— וואָס נאָך האָסטו געגאַנוועט, יינגעלע? — איז צו אים ראָזעלעס מאַמע מיט אַ ווייך קאָל צוגעגאַנגען — גיב בעסער אַליין אַוועק!

— גאָרנישט, גאָרנישט. איך בין ניט קיין גאַנעוו — האָט ער געכליפּעט.

— ווײַז אָקאָרשט דײַנע קעשענעס, כעוורעמאַן! — האָט ראָזעלעס טאַטע גענומען אים אַרומזוכן.

דאָ איז אַרײַנגעקומען ראָזעלע. זי איז געבליבן שטיין מיט צעשראָקענע אויגן.

— איך בין ניט קיין גאַנעוו! — האָט זיך אַ פאַרשטיקט געוויין בײַ מאַריסקען אַרויסגעריסן — פרעגט אַפילו ראָזעלען.

— ראָזעלע, ווער האָט אים אַרײַנגעלאָזט צו דיר אין צימער? — האָט זיך אַ קער געטאָן צו איר דער פאָטער — ער האָט דיך באַגאַנוועט. פון אונטערן רעקל האָב איך בײַ אים אַ גאַנצן פּאַק בלומען אַרויסגעשלעפּט.

— ער האָט געגאַנוועט? — האָט ראָזעלע אַרויסגעשעפּטשעט מיט שרעק — ער?

און זי האָט מאַריסקען אַזוי אומעטיק אָנגעקוקט, און אין אירע אויגן האָבן טרערן געבלישטשעט.

— ניט עמעס! — האָט מאַריסקע מיט געוויין זיך אַ כאַפּ געטאָן — איך האָב עס געקויפט, איך בין ניט קיין גאַנעוו.

— בלומען האָסטו געקויפט? וואָס זאָגסטו אויף דעם קאַפּיטאַליסט? — האָט ראָזעס טאַטע בייז געלאַכט. ער האָט אויסגעפּאַטשט מאַריסן און איב אַרויסגעטריבן פון שטוב.

מאַריס איז מיט אַ פאַרשטיקט געוויין אַרויס פון ראָזעלעס הויז, איז אַריין אין פאַרוויכערטן קעלער און איז פאַרשוואונדן הינטער דער שוואַרצער טיר.

באַם באַלעבאָס טיר

● א. רייזען

וואָס האָסטו זיך דערשראָקן, מיין אָרעמער ברודער,
און שטייסט באַ דער טיר? ווי, דו וויינסט?
עס האָט דיך דערשראָקן דער גלאַנץ פון די זאַלן,
דו וועסט זיי פאַרשמוצן, דו מיינסט?

אוי, אָרעמער ברודער, אוי, נאַרישער ברודער,
גיי ווייטער און זעץ זיך אַוועק...
דו וועסט ניט פאַרפלעקן דאָס גאָלד פון די זאַלן,
דיין נעשאָמע איז ריין, אָן אַ פלעק.

אוי, אָרעמער ברודער, אוי, נאַרישער ברודער,
וואָס האָט דיך די אויגן פאַרבלענדט?
וואָס שטייסטו און גלאָצסט און באַטראַכטסט אַלץ
פאַרוואונדערט:
דו האָסט ניט דיין אַרבעט דערקענט?...

אין גאָלדענעם לאַנד

● מ. ל. האַלפּערן

— צי דען וואָלסטו, מאַמע, מיר גלויבן געוואָלט,
אַז אַלצדינג באַ אונדז ווערט פאַרוואַנדלט אין גאָלד;
אַז גאָלד ווערט פון בלוט און פון אייזן געמאַכט,
פון בלוט און פון אייזן באַטאָג און באַנאַכט.

— מיין זון, פאַר אַ מאַמען באַהאַלט מען זיך ניט,
אַ מאַמע דערקענט און אַ מאַמע פילט מיט.
מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט קיין ברויט צו דער זאַט
אויך דאָרט, אין דעם גאָלדענעם לאַנד ניט געהאַט.

— אוי, מאַמע, מיין מאַמע! צי פאַלט עס דיר איין,
אַז ברויט באַ אונדז וואַרפט מען אין וואַסער אַריין
דערפאַר, וואָס עס גיט אונדז אַזויפיל די ערד,
אַז ס׳הייבט אָן פאַרלירן דעם גאָלדענעם ווערט.

— איך וויים ניט, מיין זון, נאָר עס ווייגט אין מיר מיין האַרץ:
דיין פּאָנעם זעט אוים ווי די נאַכט אַזוי שוואַרץ,
און שלעפּערדיק פאַלן די אויגן דיר צו,
אַזוי ווי באַ איינעם, וואָס כאַלעשט נאָך רו.

— אוי, מאַמע, מיין מאַמע! דו האָסט דאָך געהערט
פון באַנען, וואָס יאָגן זיך אונטער דער ערד.
פאַרטאָג שלעפּט די באַן פון געלעגער אַרוים,
און שפּעט אויף דער נאַכט ברענגט זי ווידער אין הויז.

— איך וויים ניט, מיין זון, אָבער טיף איז מיין וואונד;
איך האָב דיך אַוועקגעשיקט יונג און געזונט —
מיר דאַכט זיך, אַט נעכטן ערשט איז דאָס געווען.
און היינט מוז איך ווידער אַזוי־אַ דיך זען.

אין שאַפּ

● שאָלעם אַלייכעם

.1

מיין ברודער עליע און אונדזער כאַווער פּיני אַרבעטן אין צווײ באַזונדערע שעפּער. איינער איז אַן „אָפּרייטער“, דער אַנדערער איז אַ פּרעסער. אַן אָפּרייטער דאַרף ניט נייען מיט די הענט. ער שטופּט בּאַ דער מאַשין. דאָס דאַרף מען אָבער אויך קאָנען. עס שטופּט זיך ניט אַליין.

ווי האָט זיך מיין ברודער עליע אויסגעלערנט שטופּן? איז ער נעבעך טאַקע אויסגעריסן געוואָרן. מע האָט אים געגעבן איבער־געבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערנייען מיט דער מאַשין. איז ער דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל הין און צוריק, און ס'איז געוואָרן אָלרייט — גוט. אויף מאָרגן האָט ער שוין געשטופּט. מאָלט אייך, אַז אַך און ווײ איז געווען צום שטופּן, נאָר גוט איז דאָס. אָט האָט פּיני דאָס אויך ניט געקאָנט באַווייזן! ניט ווייל ער האָט זיך געפּוילט אַרבעטן. די צאָרע איז, וואָס ער האָט אַ נידעריקע ריע און טוט אַלצ־דינג כאַפּנדיק. מע האָט אים אויך אָוועקגעזעצט בּאַ דער מאַשין, ווי מיין ברודער עליע. מע האָט אים אויך געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערגיין הין און צוריק מיט דער מאַשין. האָט זיך געטראָפן מיט אים אַן אומגליק. אונדזער כאַווער פּיני האָט אין איילעניש פאַרשטופּט דאָס רעקל און האָט צוגעשטופּט דעם לינקן אַרבל צו דער מאַשין. אַ גליק כאָטש, וואָס ניט די האַנט. ווײ־ווײ, האָט מען זיך עס אָנגעלאַכט פון אים.

.2

פּיני וועט שוין ניט זיין קיין אָפּרייטער. ער גייט אָוועק אין אַן אַנדער שאַפּ און באַשטעלט זיך דאָרט פאַר אַ פּרעסער. אַן אונטער־פּרעסער דערווייל. אַז ער וועט זיך אויסלערנען די אַרבעט, וועט ער גיין העכער און העכער.

דערווייל ווערט נאָך פּיני גוט פאַרשוואַרצט. און אַלץ איבער זיין



טעווע, וואָס ער האָט ליב אַלצדינג טאָן כאַפּנדיק. און דערצו נאָך זיין נידעריקע ריע. ער קומט אַלע טאָג אַ צעבריטער. איינמאָל איז ער געקומען מיט אַ צעקאַליעטשעטער נאָז. וואָס איז די מייסע? ער האָט זיך באַם פּרעסן אָפּגעבריט די נאָז. ווי קומט דאָס פּרעסל צו זיין נאָז? זאָגט פּיני, אַז זיין נאָז האָט ניט געוואַרט ביז דאָס פּרעסל וועט קומען צו זיין נאָז. ער קאָן באַשטיין, זאָגט ער, אַז זיין נאָז גייט צום פּרעסל. ווי קומט זי, די נאָז, צום פּרעסל? לאָזט זיך אויס, אַז פּיני האָט גאָר געזוכט אַ שטיקל אַרבעט, און ווייל ער האָט אַ נידעריקע ריע, האָט ער זיך דעריבער איינגעבויגן האַרט צום טיש און האָט געטראָפן מיטן שפּיץ נאָז גלייך אויפן אָנגעגליטן פּרעסל.

.3

מיין ברודער עליע זאָגט, אַז מיר וועלן זיך מיטן שאַפּ ניט עלטערן.

מיין ברודער עליע זאָגט, אַז די אַרבעטער האָבן צאָרעס פון פאָרמאַן. יעדער שאַפּ האָט אַ פאָרמאַן — אַן עלטסטן, אַן אויפזעער, און ניט נאָר איין פאָרמאַן, יעדער שטאָק האָט זיך זיין פאָרמאַן.

אויף דעם שטאָק, וואו עליע אַרבעט, איז דער פאָרמאַן אַ האָמאָן, אַ ראָשע. ער איז אַליין אַמאָל געווען אַן אַפּרייטער. נאָר ער האָט

זיך אַרויפגעאַרבעט און איז געוואָרן אַ פאָרמאַן. די אַרבעטער זאָגן, אַז ער איז ערגער פון באָס... מע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אין שאַפּ, אַז דער פאָרמאַן רוקט דעם זייגער אַזוי, אַז ווען איר זאָלט ניט קומען, וועט איר פאַרשפּעטיקן. און אונדז׳ער כאַוועד פּיני דערציילט פון זיין שאַפּ נאָך שענערע מייסעס. זיין פאָרמאַן, זאָגט ער, לאָזט ניט דעם אַרבעטער אַ קוק טאָן אין אַ פּייפּער אַריין. רויכערן, שמועסט מען ניט! אַ וואָרט טאָר מען ניט אויסרעדן צווישן זיך. ס׳איז אַזוי שטיל, זאָגט ער, אַז מע קען הערן אַ פליג, ווען ניט דאָס טראַסקען מיטן גראַגערן פון די מאַשינען. נאָך אַ מיילע האָט דער שאַפּ, דאָרט ווערן די פרעסלעך אָנגעוואַרעמט מיט געז.

די געז פון די פרעסלעך פאַרהאַקט אַזוי דעם קאָפּ, אַז די אַרבעטער אין שאַפּ פאַלן כאַלאָשעס און מוזן סטאַפּן די אַרבעט. רעכנט מען זיי אָפּ פון דער „פּיידע״, דאָס הייסט, אַז עס קומט צום אָפּנעמען פאַר דער וואָך, וואָס מע האָט פאַרדינט, ווערט אַ לאָך. דאָ האָט איר פאַרשפּעטיקט פינף מינוט — אַראָפּ אַ האַלבן טאָג. דאָ זייט איר צו פרי אַוועקגעגאַנגען — אַראָפּ אַ האַלבן טאָג. דאָ זייט איר געפאַלן כאַלאָשעס — פאַרפאַלן אַ טאָג.

ניין. מע קען שוין ניט אַריבערטראָגן. מע וועט מוזן אַרויס אין אַ סטרייק.

מיין יינגעלע

● מאָרים ראָזענפעלד

איך האָב אַ קליין יינגעלע,
אַ זונעלע גאָר פיין!
ווען איך דערזע אים, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מיין.

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מיין שיינעם, ווען ער וואַכט:
איך טרעף אים טאָמיד שלאָפנדיק,
איך זע אים נאָר בּאַנאַכט.

די אַרבעט טרייבּט מיך פרי אַרויס
און לאָזט מיך שפּעט צוריק.
אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב,
אָ, פרעמד מיין קינדס אַ בּליק!

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים,
אין פינצטערניש געהילט;
מיין בּלייכע פרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט.

ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט:
„אָ, מאַמע, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר
מיין גוטער פּאַ?“

איך קוש די בּלויע אייגעלעך.
זיי עפענען זיך: „אָ, קינד!“
זיי זעען מיך, זיי זעען מיך
און שליסן זיך געשווינד.

די צוויי פריינט

לויט פּ. שילער

אין אַ שטאָט האָבן געוואוינט צוויי גוטע פריינט — מיראָס און קלעאָן. זיי האָבן זיך צוזאַמען געהאָדעוועט, צוזאַמען זיך געלערנט און שפּעטער זיינען זיי צוזאַמען אַרויסגעפאָרן איבער דער וועלט. איצט האָבן זיך ביידע באַזעצט אין איין שטאָט.

מיראָס האָט געהאַט אַ סוינע. גייט דער סוינע און פאַרמאַסערט אים פאַר דעם קעניג. האָט דער קעניג פאַרמישפּעט מיראָסן צום טויט.

זאָגט מיראָס צום קעניג:

— איך בין אומשולדיק, נאָר דו גלויבסט מיר ניט. בין איך גרייט צו שטאַרבן. איין זאַך נאָר וויל איך באַ דיר בעטן. לאָז מיך אָפּ אויף דריי טעג, איך זאָל קאָנען גיין אין מיין געבורט-שטאָט זיך געזעגענען מיט מיינע עלטערן.

— און ווער קאָן מיר פאַרזיכערן, אַז דו וועסט האַלטן וואָרט? — האָט דער קעניג געפרעגט מיט אַ געלעכטער.

— איך וועל בעטן מיין פריינט קלעאָן, וועט ער פאַר מיר זיין אַ מאַשקן — האָט מיראָס געענטפערט.

דער קעניג האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט מיט אַ כיטרע שמייכעלע:

— רעכט, איך לאָז דיך אָפּ אויף דריי טעג. נאָר אויב דו וועסט זיך ניט אומקערן אין צייט, וועל איך טויטן דיין פריינט אַנשטאָט דיך.

איז מיראָס אַוועק צו זיין פריינט און האָט געזאָגט:

— מען האָט מיך פאַרמישפּעט צום טויט. איך וויל אָבער גיין אין מיין געבורט-שטאָט זיך געזעגענען מיט מיינע עלטערן. בעט איך דיך, דו זאָלסט זיך לאָזן נעמען אין טורמע פאַר אַ מאַשקן ביז איך וועל זיך אומקערן.

— מיט פאַרגעניגן — האָט איינגעשטימט קלעאָן. ער האָט אַרומגענומען מיראָסן, זיך געזעגנט מיט אים און געלאָזט זיך פאַרשמידן אין קייטן און פאַרזעצן אין טפיסע.

מיראָס איז גלייך אַוועק אין זיין געבורט-שטאָט. זיינע עלטערן

האָבן זיך דערפרייט מיט אים. ער האָט פאַרבראַכט מיט זיי צוויי טעג. אויפן דריטן טאָג האָט ער זיך מיט זיי אָפּגעזעגנט און געזאָגט, אַז ער וועט זיי שוין איצט מיסטאָמע לאַנג ניט זען. די מוטער האָט געוויינט און דער פאָטער האָט אים באַגלייט ביז הינטער דער שטאָט.

פלוצלונג האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורעם. עס האָט געגומען דונערן און בליצן. עס האָט אַ שמיץ געטאָן אַ רעגן. פון די בערג האָבן זיך אַ לאָז געטאָן שטראָמען וואַסער; דער טייך, וואָס האָט געפלייצט לעבן וועג, איז פול געוואָרן און האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן. דאָס וואַסער האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער און האָט אַראָפּ־געטראָגן די בריק.

מיראָס איז צוגעקומען צום ברעג. ער האָט זיך געוואָרפן אַהין און אַהער, געזוכט אַן אָרט, וואו מ׳קאָן אַריבערגיין דעם טייך, גערופן צו הילף. נאָר אַלץ איז געווען אומזיסט. און קיין שיפל האָט זיך אויך אין ערגעץ ניט געזען. און דער טייך האָט גערוישט און געשטורעמט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

אין גרויס פאַרצווייפלונג האָט זיך מיראָס אַריינגעוואָרפן אין וואַסער און אָנגעהויבן שווימען. מיט אַלע קויכעס האָט ער זיך גע־ראַנגלט קעגן שטורעמדיקן טייך, און אים איז געלונגען צו דערגרייכן דעם צווייטן ברעג.

ער האָט אַ ווײַלע אָפּגערוט און איז אַוועק ווייטער.

ווען ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, זיינען אָנגעקומען גאַזלאָנים און געוואָלט אים טויטן.

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר? — האָט מיראָס אויסגעשריען

— איך האָב גאָרנישט. מער ווי דאָס לעבן האָב איך ניט. דאַרף איך דאָס לעבן, קעדיי צו ראַטעווען מיין פריינט פון טויט. האָט ראַכמאָנעס אויף מיין כאַווער!

האָבן זיך די גאַזלאָנים פאַרשעמט און זיינען אָפּגעטראָטן. מיראָס איז אַוועק. ער איז שנעל געגאַנגען. די זון האָט אים געברענט מיט שרעקלעכער היץ. די לופט איז געווען אַ שטיקנדיקע. עס איז אין ערגעץ ניט געווען קיין שאָטן, און מיראָס איז געבליבן אָן קויכעס. ער איז געפאַלן און האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד.

פלוצלונג האָט ער דערהערט, ווי אַ וואַסער פליִיצט ניט ווייט פון אים. ער איז קוים דערקראָכן צום נאָענטן בערגל און האָט דאָרטן געפונען אַ קוואַל, וואָס האָט געשלאָגן פון דער ערד. ער האָט זיך אָנגעטרונקען, אָפּגעפרישט די קויכעס און איז געשווינט אַוועק ווייטער.

און אָט איז ער שוין אין שטאָט. די שפּיצן פון די שטאָטישע טורעמס זיינען שוין באַגילדט פון דער פאַרגייענדיקער זון. אַנטקעגן מיראָסן איז אַרויס דער פאַרוואַלטער פון זיין פריינטס הויז:

— צוריק! אַנטלויף! דו האָסט שוין סיי ווי פאַרשפּעטיקט. דיין פריינט האָט געהאָפט פון שאַ אויף שאַ, האָט געוואַרט און אַלץ ניט געגלויבט, אַז דו וועסט פאַרראַטן. מען האָט פון אים געלאַכט. מען האָט אים פאַרזיכערט, אַז דו ביסט אַ פאַלשער, אַ פאַררעטער. אָבער קיינער האָט ניט געקאָנט צעשטערן זיין גלויבן.

— אויב ס'איז שוין שפּעט — זאָגט מיראָס — אויב מיין קומען קאָן אים שוין ניט ראַטעווען, וויל איך מיט אים אין איינעם שטאַרבן— און ער האָט זיך געלאָזט לויפן.

פון וויטן האָט מיראָס שוין דערזען די טליע. דער אוילעם האָט גערודערט אַרום. ער האָט אויך דערזען, ווי מען פירט זיין פריינט הענגען. מיראָס האָט אָנגעהויבן שרייען:

האַלט! הענגט ניט! אָט בין איך דאָ!

דער אוילעם האָט אַ ציטער געטאָן. אין אַ ווײַלע אַרום זיינען די פריינט געפאַלן איינער דעם צווייטן אויפן האַלדז.

דאָס גאַנצע פאָלק האָט צוזאַמען מיט זיי געוויינט. און דאָס האַרץ פון קעניג איז ווייך געוואָרן. ער האָט געהייסן ברענגען פאַר זיך די פריינט און געזאָגט:

— איר וועט ביידע בלייבן לעבן. איצט זע איך, אַז עס איז דאָ פריינטשאַפט און ערלעכקייט. איך בין זיכער, מיראָס, אַז דו ביסט אומשולדיק.

אַ וויגליד

● אַווראָם קאַהאַן

ס׳האָט דאָס ווינטל זיך געשטילט,
אָוונט האָט די ערד פאַרהילט;
שטערנדלעך מיט זייער שיין
ווינקען דיר: שלאָף-איין, שלאָף-איין!

פאַר דיין גורל שרעק זיך ניט —
איך, דיין מאַמע, היט דיך, היט.
איך, דיין מאַמע, זינג דיר צו:
אַליע-ליוליע, ליוליע-ליו!

ווער עס וויים פון נויט און פּיין,
דאַרף די נאַכט אַ רו אים זיין.
אַלץ, וואָס אָטעמט אויף דער ערד,
שלאָפט שוין זיס און אומגעשטערט.

ס׳דרימלען פייגל, בלום און ווינט —
רו און שלאָף דו אויך, מיין קינד.
איך וועל אָפּהיטן דיין רו:
אַליע-ליוליע, ליוליע-ליו!

דער לייב און דער מענטש

אַמאָל איז אַ קנעכט אַנטלאָפֿן פֿון זיין האַר, ווייל דער האַר האָט זיך מיט אים זייער שלעכט באַגאַנגען. אין אַ צייט אַרום האָט מען דעם קנעכט געפֿאַנגען. מען האָט אים פֿאַרמישפּעט, אַרויסצולאָזן אים אין אַ צירק אויף דער אַרענע, וואו אַ לייב זאָל אים צערייסן.

אַ גרויסער עולם מענטשן האָט זיך צונויפֿגעקליבן אין צירק, צוזען די שטראָף פֿון דעם קנעכט.

מען האָט דעם קנעכט אַרויפֿגעלאָזן אויף דער אַרענע. באַלד נאָכדעם האָט מען פֿון אַן אייזערנער שטייג אַרויסגעלאָזן אַ גרויסן לייב, וואָס מ׳האָט פֿריער דריי טעג נאָכאַנאַנד געלאָזט הונגערן.

מיט אַ שרעקלעכן קאַעס האָט זיך די הונגעריקע בייע אַ וואָרף געטאָן אויפֿן קנעכט און גענומען ברומען. פֿון זיין ברומען האָבן אָנגעהויבן ציטערן די ווענט פֿון צירק.

נאָר פּלוצלונג האָט זיך דער לייב אָפּגעשטעלט. ער האָט גע־נומען ציען אין זיך דעם אָטעם, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אַרומ־



שמעקן דעם קנעכט, און האָט גענומען שלאָגן זיך אַליין מיטן עק און שפּרינגען אַרום דעם קנעכט.

אַלע צוזעער זיינען אָפּגעשטאָרבן. אַלע האָבן זיך געריכט, אַז אָט, אָט וועט די בייזע, ווילדע כייע מיט איין קלאַפּ פון איר לאַפּע אַ שליידער טאָן דעם פּאַרמישפּעטן אויף דער ערד און אים פאַרצוקן.

נאָר ווי גרויס איז געווען אַלעמענס וואונדער, ווען זיי האָבן דער־זען, אַז דער לייב האָט גענומען לעקן די האַנט באַם מענטשן, ווי אַ הונט לעקט די האַנט פון זיין באַלעבאָס.

דער פאַרמישפּעטער האָט צוערשט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. ער איז געווען אין טויט־שרעק. נאָר ביסלעכווייז איז ער געקומען צו זיך. און ווען דער לייב האָט זיך נאָך אַלץ געטוליעט צו אים, האָט ער אָנגעהויבן צו גלעטן מיט זיין האַנט דעם קעניג פון דער וויסטעניש.

דער פאַרוואונדערטער אוילעם האָט אָנגעהויבן שרייען:

— זאָל מען דעם מענטשן מויכל זיין!

מען האָט אים מויכל געווען. און ווען מען האָט אים גענומען פונאַנדערפרעגן, האָט ער דערציילט אַזאַ געשיכטע:

—ווען איך בין אַנטלאָפן פון מיין באַלעבאָס, איז מיר אויסגעקומען צו גיין דורך אַ וויסטעניש. דאָס הייסע זאַמד האָט מיר געברענט די פיס. די זון האָט מיך געבראָטן אָן ראַכמאָנעס. און אַרום איז ניט געווען קיין וואַסער, ניט קיין ביימעלע, ניט קיין גרעזל. אומעטום איז נאָר געווען זאַמד און שטיינער. איך בין שרעקלעך מיד געוואָרן. צום סאָף האָב איך דערזען אַ הייל. בין איך אַריין אַהין און גלייך איינגעשלאָפן.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך פון אַ שרעקלעך ברומען. דאָס האָט געברומט אַ לייב. ער איז געשטאַנען באַם אַריינגאַנג אין הייל. זיין לאַפּע איז געווען פאַרבלוטיקט. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר. איך בין אָפּגעשטאָרבן פאַר שרעק. נאָר דער לייב האָט אויפגעהויבן זיין פאַר־בלוטיקטע לאַפּע און האָט זי אויסגעצויגן צו מיר, אַזוי ווי ער וואָלט באַ מיר געבעטן הילף. איך האָב דערזען באַ אים אין לאַפּע אַריינ־געשטעקט אַ גרויסן דאָרן.

איך האָב גענומען זיין לאַפּע אין מיינע הענט און אַרויסגענומען

דעם דאָרן. דערנאָך האָב איך אָפּגעריסן אַ שטיק לייוונט פון מיין העמד און אַרומגעבונדן די וואונד. דער לייב האָט אַרויפגעלייגט זיין קאָפּ אויף מיין האַנט און איז איינגעשלאָפן.

פון דעמאָלט אָן האָבן מיר געוואוינט צוזאַמען. דער לייב פלעגט מיר ברענגען פלייש. איך פלעג עס בראָטן אויף דער זון און עסן. אַז איך פלעג אַוועקגיין פון הייל, פלעגט דער לייב בענקען נאָך מיר און מיך אויפזוכן.

נאָר איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך מענטשן און בין אַוועק פון דעם לייב.

אין אַ צייט אַרום האָט מען מיך געכאַפּט. דעם לייב האָט מען, ווייזט אויס, דערווייל אויך געפאַנגען. און איצט האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל ווידער באַגעגנט, און מיר האָבן איינער דעם אַנדערן דערקענט.

די דורכגייער און די הינט

● פּ. קאַפּלאַן, לויט קרילאָוו

אַ פּאָר כאַווירים גייען פאַרנאַכט
אַריינגעטאָן אין שמועסן, פאַרטראַכט.
ערשט — ס׳בילט אַ הויפהינטל אויף זיי ;
באַלד — נאָך צוויי,
און פּלוצלונג שוין אַ גאַנצע סטאַדע,
אַ צענדליק פינף אַוואַדע.
וויל איינער אויפהייבן אַ שטיין.
— איי, ברודער — זאָגט דער צווייטער — ניין !
איך קען שוין אָט די בילער :
מיט שטיינער מאַכט מען זיי ניט שטילער ;
זיי ווערן נאָר צערייצט. אָט לאָמיר ווייטער גיין.
און טאַקע : אָפּגעגאַנגען פּופציק טריט,
די הינט, זיי ווערן מיד,
און שפּעטער הערט מען שוין פון זיי קיין פּאַרע ניט.

דער שטומאַק

● סאָרע באַרקאַן

קינדער, איך וועל אייך דאָ איצטער דערציילן,
וואָס עס האָט געטראָפן מיט יאָרן צוריק.
מ׳איז נאָך אין רוסלאַנד דאַן שקלאַפן געווען
און איך אויך אַ שקלאַף אין אַ פאַבריק:

מיר האָבן געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט.
קלאָלעס, געשרייען פון באָס נאָר געהערט;
ער האָט אונדז געצאָלט אַ רובל אַ וואָך,
און מיר האָבן געמיינט: אַזוי איז באַשערט...

מיר האָבן געהערט, אַז אין גרעסערע שטעט
קעמפט מען פאַר פרייהייט, ניט נאָר פאַר ברויט,
מיר האָבן געהערט, אַז פאַר אָט־דעם קאַמף
ווערט מען באַשטראָפט מיט טורמע, מיט טויט.

נאָר בײַ אונדז אין פאַבריק איז אומעטיק, שטיל,
מיר שקלאַפן פאַרבענקטע — נאָך זון און נאָך פרייד.
דער באַלעבאָס ער שרייט און טרייבט אונדז ווי פערד,
מיר קוקן ניט אָן קיין יאָנטעוודיק קלייד.

ביז איין אינדערפרי — דער באַלעבאָס קומט אַריין,
(ס׳איז געווען אין נײַנצן הונדערט און דריי),
אָן אָרעמען באָכער פירט ער נאָך זיך,
קוקן מיר אַלע שטיל און געטריי.

דער באָכער איז הויך און מאָגער און בלאַס,
האָט טונקעלע אויגן, געקרייזלטע האָר.
ער קוקט אויף אונדז — שטיל, ווי אַ טאָס,
דערנאָך נעמט דער מייסטער און שטעלט אים אונדז פאָר:

„אָט איז אַ באָכער, וואָס׳ט אַרבעטן דאָ.
דער באָכער איז שטום און טויב ווי די וואַנט,
איך מוז אים דאָ האָבן צו דרייען די ראָד,
כ׳האָב לאַנג שוין געזוכט אַזאַ ביליקע האַנט.״

אַרבעט דער שטומער אַ כוידעש און צוויי.
ס׳צאָלט אים דער באַלעבאָס מיטן אָפּפאַל פון טיש.
און ער אַלץ — ער שווייגט, געבויגן זיין קאָפּ,
מיד, אַז ער שלעפּט זיך שוין קוים אויף די פיס.

נאָר איינמאָל פאַרנאַכט, ס׳איז פרילינג געווען,
ס׳אַוועק נאָך אַ טאָג אָן פרייד און אָן זין,
איך טו אָן מיין מאַנטל און וויל גיין אַהיים,
געפין איך אַ בריוועלע באַ דער מאַשין.

„הער נאָר, דו מיידל פון אַרבעט און נויט!
ווילסט וויסן דעם וועג צו פרייד און צו גליק?
זאָג פון דעם בריוועלע קיינעם ניט אויס,
און גיי ניט אַהיים, נאָר גיי וואו איך שיק.

פאַרנעם זיך אויף רעכטס אַ וויאָרסט און אַ האַלב,
דערזעסטו דעם קלויסטער, די שטאָטישע באָד,
מוזטו גיין ווייטער אַ וויאָרסט און אַ האַלב.
ביז דו דערזעסט דעם פריצישן סאָד.

זאָלסט באַ קיינעם ניט פרעגן קיין וואָרט,
אַ מיידל אין וויסן וועט זיצן אין גראָז;
זי׳ט שמייכלען צו דיר — איז שמייכל צו איר,
און לייג־צו דיין מיטלסטן פינגער צו דער נאָז.״

דער אָוונט איז קיל, דער אָוונט איז שטיל,
אָט איז דער קלויסטער, די שטאָטישע באָד,
איך גיי און איך גיי — פון בריוול געפירט,
ביז קוים דערלעבט דעם פריצישן סאָד.

עס זיצט טאַקע אַ מיידל אין ווייסן געקליידט,
זי שמייכלט צו מיר, איך שמייכל צו איר.
מיר לייגן צו ביידע די פינגער צו דער נאָז,
דערנאָך מאַכט זי: „שוועסטערקע, קום וואו איך פיר.“

בליאונגען פאַלן אויף אונדזערע קעפּ,
און אָט איז מען שוין אין יאַגעדע־טאָל.
איך קוק זיך אַרום — וואָס האָב איך דערזען? —
פון פאַבריק אַלע מיידלעך, אַ הונדערט אין צאָל.

פלוצלונג רופט אויס די מיידל אין ווייסן:
„טייערע שוועסטער, איר זאָלט זיין געגרייט,
ס'וועט עמיצער רעדן דאָ באַלד פאַר אונדז...“
זייגען מיר טאַקע געוואָרן דערפרייט.

ווערט עס אין טאָל שטילער ווי שטיל,
מ'הערט ניט קיין וואָרט, מ'הערט ניט קיין הוסט.
פּלוצלונג באַווייזט זיך דער טויבער שטומאַק —
ער איז וואו געזעסן הינטער אַ קוסט.

— „דער שטומער וועט רעדן?“ — אין האַרץ טוט אַ קלאַפּ...
אויף צוויי קורצע ביימער איז געלעגן אַ ברעט.
שפּרינגט ער אַרויף און פאַרנייגט זיך פאַר אונדז —
דער טויבער שטומאַק שטעלט זיך און רעדט:

„טייערע שוועסטער, ניט זיין איבערראַשט,
איך וועל אייך איצט ווייזן צו פרייהייט דעם וועג.“
ער רעדט אַזוי שיין אין באַזילבערטער נאַכט,
ער ווייזט אונדז דעם וועג צו פריידיקע טעג.

מיר זיינען אויף מאָרגן אַרוים אין אַ סטרייק,
שטום איז געבליבן די גאַנצע פאַבריק.
און דער טייערער כאַוער איז ווידער אַוועק
ווערן אַ שטומער אין אַן אַנדער פאַבריק.

אַ ייד — אַ פויגל

• שאָלעם אַלייכעם

די מייסע האָט זיך געטראָפן שוין לאַנג. אין אַ דאָרף האָט גע־וואוינט אַ ייד מיטן נאָמען נויעך, געהאַלטן אַ מיל. שטענדיק מוירע געהאַט, טאָמער וועט עמיצער באַ אים אויסדינגען די מיל.

קומט ער צו גיין איין מאָל צום פּאָרעץ דינגען די מיל און טרעפט אַ סאַך געסט, אַ גאַנצע סודע. נאָך דער סודע קלייבט מען זיך אויף געיעג.

„ניט געטראָפן די גוטע צייט", טראַכט זיך נויעך. צום סאָף האָט ער אַ טאָעם געהאַט. אויפגעשטאַנען מיט די געסט פון טיש, האָט דער פּאָרעץ דערזען דעם יידן שטיין איינגעבויגן, מאַכט ער צו אים מיט אַ פריילעך פּאָנעם:

— אַ, וואָס מאַכט אַ ייד?

זאָגט אים נויעך:

— פּאָרעץ, איך בין געקומען וועגן דער מיל.

צעלאַכט זיך דער פּאָרעץ, לאָזט אים ניט אויסרעדן און מאַכט צו אים:

— איצטיקס מאָל גיב איך דיר אָפּ די מיל אויף דעם אייגענעם פּרייז, וואָס אויף אַלעמאָל, אויף צען יאָר, נאָר: זאָלסט מיר זיין אַ פויגל.

קוקט אים אָן דער ייד:

— וואָס הייסט, איך זאָל דיר זיין אַ פויגל?

ענטפערט אים דער פּאָרעץ:

— גאַנץ פּאָשעט, דו דאַרפסט אַרויף אויפן דאַך פון אָט־דער שטאַל, זעסטו? דאָרטן דאַרפסטו זיך פאַרשטעלן פאַר אַ פויגל. און איך וועל זיך צילן אין דיר און פּרוּוון טרעפן גלייך אין קאָפּ אַריין. האָסט עס צעקייט?

ווערט אַ געלעכטער צווישן די פּריצים.

טראַכט זיך נויעך: „דער פּאָרעץ האָט גענומען אַן איבעריק ביסל ווייַן"... און טוט אַ פרעג דעם פּאָרעץ:

— וויפיל צייט גיסטו אויף צו באַטראַכטן זיך?

זאָגט אים דער פּאָרעץ גאַנץ ערנסט:

— איין מינוט — ניט מער. אָדער דו קריכסט אַרויף אויפן דאַך און פאַרשטעלסט זיך פאַר אַ פויגל, אָדער מאָרגן ווערסטו אַרויסגעוואָרפן פון דער מיל.

איז נויעכן שלעכט געוואָרן. וואָס טוט מען? מיט אַ פּאָרעץ שפּילט מען זיך ניט. רופט ער זיך אָן נאָכאַמאָל צום פּאָרעץ:

— און וואָס וועט זיין טאָמער, כאָלילע, טרעפסטו טאַקע?

ווערט נאָך אַ גרעסער געלעכטער צווישן די פּריצים. און דאָ טראָגט מען שוין אַ לייטער.

נויעך בלייבט שטיין אַ צעטומלטער. ער ווייס ניט, צי דער פּאָרעץ מאַכט כויזעק, צי ער מיינט דאָס מיט אַן עמעס. זען זעט עס אויס ווי אַן עמעס, ווייל מען הייסט אים די רעגע קריכן אויפן דאַך, אָדער



גיין אַהיים אָפּרייניקן די מיל. הייבט ער אָן זיך בעטן באַם פּאָרעץ. נאָר מען שטופּט אים שוין אַרויף אויפן דאַך, און טרערן גיסן זיך אים. וואָס זאָל ער טאָן?

אַרויף אויפן שפּיץ דאַך, הערט ער ניט אויף צו וויינען. דער פּאָרעץ דערווייל האָט קיין צייט ניט, הייסט ער אים, ער זאָל שטיין גלייך — שטייט ער גלייך. דערנאָך הייסט ער אים, ער זאָל זיך אָנבויגן — בויגט ער זיך אָן. ער זאָל צענעמען די הענט — צענעמט ער די הענט. ער זאָל אויסזען ווי אַ פויגל — זעט ער אויס ווי אַ פויגל...

און דער פּאָרעץ האָט אויסגעשאָסן און געטראָפן נויעכן גלייך אין שטערן אַריין, און נויעך איז אומגעפאַלן, ווי אַ געשאָסענער פויגל. און האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון דאַך.



אונדזער לאַנד

י. י. שוואַרץ ●

ס׳איז דאָס לאַנד דאָ פֿעט און פֿרוכטבאַר,
אוצרעס טראָגט עס אין זיין שויס;
ס׳איז דאָס לאַנד דאָ פֿריש אין יוגנט,
ס׳איז דאָס לאַנד דאָ רייך און גרויס.

ס׳איז דאָס לאַנד דאָ פֿול מיט אוצרעס, —
אייזן, קופּער, גאָלד און שטאָל;
ס׳פֿאַלן זילבער־וואַסערפֿאַלן
פֿון די בערג אַראָפּ אין טאָל.

ס׳גיט ווירדזשיניע איר טאַבאַק,
קאַליפֿאָרניע איר וויין,
און פֿלאָרידע — אַפּעלסינעס
גליען רויט אין זונענשיין.

אונדזער לאַנד האָט טיפֿע טייכן,
קלאָרע טייכן פֿול מיט פֿיש;
זיינע בערג דערגרייכן הימלען,
זיינע טאָלן זיינען פֿריש.

ס׳איז מיט זון דאָס לאַנד באַגאָסן —
זיינע פֿעלדער זיינען גרין.
פֿלינקע, שטאַרקע — זיינע טעכטער,
שטאָלץ און מוטיק — זיינע זין.

זיינע שטעט — זיי זיינען ריזן,
וואַקסן אויס מיט צויבער־מאַכט;
אונטער ערד און אין דער לופֿטן
פֿליען באַנען טאָג און נאַכט.

אַ גראַם צו ברויט

• כאַווער פּאַווער

אין דעם לאַנד דעם ברייטן, אין דעם לאַנד דעם ווייטן, ניין און נײַנציק מענטשעלעך מיט לאַנגע בערד אויף ווייסע פערד רייטן.

רייטן די מענטשן, יאָגן זיך די פערד, ציטערן אונטער זיי די גראָזן אויף דער ערד.

געריטן, געריטן, געלאָפן, געלאָפן. ביז זיי האָבן דעם שוואַרצן יאַם שווימען געטראָפן.

— טיפע וואַסערן, שוואַרצער יאַם, עפשער קאָנסטו אונדז געבן צום וואָרט ברויט דעם נויטיקן גראַם?

— טראַם-טאַ-טאַ-טאַם, טראַם-טאַ-טאַ-טאַם, אַ גראַם צו ברויט איז הונגער און נויט.

— מיר ווילן ניט קיין הונגער און נויט אין אונדזערע שטיבער, זאָג אונדז בעסער אַ גראַם, ס'זאָל אונדז זיין ליבער.

— טראַם-טאַ-טאַ-טאַם — שטילן זיך איין די כוואַליעס, פאַרקלערט זיך דער יאַם — אַ גראַם צו ברויט איז אויך מילכאָמע און טויט.

— הונגער און נויט, מילכאָמע און טויט, אַזוינע גראַמען מעגן שוין בײַ דיר בלייבן — ווערן די מענטשעלעך אין קאַס און הייבן אָן זייערע פערדעלעך ווייטער צו טרייבן.

:: :: ::

געטריבן, געטריבן, געלאָפן, געלאָפן. ביז זיי האָבן דעם ברייטן סטעפּ געטראָפן. און איבערן ברייטן סטעפּ, אַ פויער אַ גרויער גייט און איז אין טיפן טרויער.

— פויער, דו פויער, פויער דו גרויער, פאַרוואָס איז אויף דיר אַזאַ גרויסער טרויער? און עפשער קאָנסטו אונדז זאָגן אַ גראַם צו ברויט, מיר זאָלן שוין ניט וויסן פון הונגער און נויט?

— דערפֿאַר איז טאַקע אויף מיר אַזאַ טרויער, ווייל איך זוך אויך אַ גראָם צו ברויט, איך זאָל שוין ניט וויסן פֿון הונגער און נויט.

:: :: ::

לויפֿן די מענטשן, פֿאָרן און פֿאָרן, לויפֿן כאַדאָשים, לויפֿן די יאָרן. ביז זיי קומען אָן צו אַ גרויסער שטאָט מיט פֿאַבריקן גאָר הויך און פֿון די קוימענס זעצט אַ רויך. און דאָרט אין די פֿאַבריקן אַרבעטער מיט האַמערס סטוקען און קלאַפּן, מידע, פֿאַרשוויצט, קוים דעם אָטעם זיי כאַפּן.

— אַרבעטער, אַרבעטער, הערט אויף אַ ווײַלע, מיר האָבן צו אייך אַ וויכטיקע שײַלע. עפּשער אַ גראָם צו ברויט באַ אייך איז דאָ און זאָל שוין אויף אונדז קומען די גוטינקע שאָ.

— אַז אין די פֿאַבריקן איז אַזוי היים און אַז אונדזערע לייבער זײַנען אײַנגעטונקען אין שווייס, און אַז אונדזערע קינדער זײַנען דאַרע, קוים ביינער און הויט, ווי זשע קאָנען מיר אייך זאָגן אַ גראָם צו ברויט?

:: :: ::

לויפֿן די מענטשן, פֿאָרן און פֿאָרן, לויפֿן כאַדאָשים, לויפֿן די יאָרן. ביז זיי זײַנען אָנגעקומען צו אַ ווינטערדיק פֿעלד, וואו דער ווינט האָט פֿאַרווייעט שנייען מיט קעלט. און דאָרטן פֿון דער ווייטן שטייען סאָלדאַטן מיט שווערע האַרמאַטן, שטרעקן אוים די הענט, ציען און שיסן, פּעך און שוועבל אויף דער וועלט זיי גיסן.

— סאָלדאַטן, סאָלדאַטן, שטעלט אָפּ אײַערע הענט, עפּשער אַ גראָם צו ברויט זאָגן אונדז וואָלט איר געקענט.

— מענטשעלעך מיט די לאַנגינקע בערד, רייטערלעך אויף די שנעלינקע פֿערד, אַז מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן פֿון וואַרעמע שטיבער אַהערצו צו די קאַלט־שנייאיקע גריבער, און אויף דער וועלט איז מילכאָמע און טויט, ווי זשע קענען מיר אייך זאָגן אַ גראָם צו ברויט?

:: :: ::

לויפֿן די מענטשן, פֿאָרן און פֿאָרן, לויפֿן כאַדאָשים, לויפֿן די יאָרן. ביז זיי זײַנען אָנגעקומען אויף אַ ברייטן וועג, און דאָרט אַן אַרבעטער

מיט ברייטע פלייצעס יאָגט אויפן פערד, און קוים וואָס ער האַלט דאָס אײַן באַ די לייצעס.

— אַרבעטער דו ברייטער, אונדזער וועג איז געווען אַזאַ ווייטער, און עפשער קאָנסטו אונדז זאָגן אַ גראַם צו ברויט, מיר זאָלן שוין ניט וויסן פון הונגער און נויט?

צעלאַכט זיך דער אַרבעטער, צינדן זיך אָן זײַנע אויגן, גיט ער אַ יאָג דאָס פערד ווי פײַל פון אַ בויגן און די מענטשעלעך נאָך אַ ם פלינק און גיכער יאָגן זיי זיך. טראָגן זיי זיך ווי אַ ווינט און אַ וויכער.

קומען זיי אָן צו אַ שטאָט פון פאַבריקן מיט מויערן, קומען אַרויס די אַרבעטער פון אַלע טויערן. גיט דער אַרבעטער זיך אַ שטעל אויפן פערד און טוט אַ געשריי:

— אַרבעטער, פויערים, מענטשעלעך, היי!!! אַ גראַם צו ברויט איז אַ פאָן וואָס איז רויט! אָט וועט די פאָן בלײַבן הענגען אויפן העכסטן שפּיץ און די פרייד וועט זיך טראָגן אַזוי ווי אַ בליץ.

און אַזוי ווי די פאָן איז געבליבן שטעקן, אַזוי זײַנען זיך אָנגעקומען פון אַלע עקן — דער פויער דער גרויער, די סאָלדאַטן מיט די האַרמאַטן.

אַ גראַם צו ברויט איז אַ פאָן וואָס איז רויט.

זעקס פיס,
צוויי קעפּ,
צוויי הענט,
איין עק.

א רייטער אויף א פערד.

פרייד פון ערד

● א. רייזען

דו הערסט די פרייד פון ערד,
דו זעסט די פרייד פון וואַקסן;
אין שטאַלן — קי און פערד,
אין שייער — ווייץ און פלאַקסן...

די טוואועס ניט געקויפט,
מיט קיינעם ניט געדונגען,
געזען אַליין, ווי ס'רייפט,
און קאָסעם — העל געקלונגען...

און אויף אַ שטיין געשאַרפט
אַליין די בלאַנקע קאָסע,
און טראַכטן ניט געדאַרפט
פון האַנדל און פּאַרנאָסע.

און ווען געוואָרן מיד —
עס איז דאָך ניט קיין כידעש —
און שטיל געברומט אַ ליד,
אַ ניי ליד — אויף יידיש...

מ׳קאָן אַרבעטן אָן אים...

אַמאָל, אַמאָל איז געפאָרן אַ שיף איבערן יאַם. איז געקומען אַ שטורעם און האָט צעבראָכן די שיף. פינף מענטשן האָבן זיך געראַטעוועט אויף אַ ברעט און זיינען צוגעשוואומען צו אַן אינדזל.

אויפן אינדזל זיינען ניט געווען קיין מענטשן, קיין הייזער, קיין קליידער און קיין עסן.

עס זיינען געווען פעלדער, וועלדער, כייעס און פיש.

די מענטשן האָבן זיך שטאַרק געזאָרגט:

— וואָס וועלן מיר טאָן? מיר וועלן דאָך שטאַרבן פון הונגער, געפרוירן ווערן פון קעלט. די כייעס וועלן אונדז אויפעסן.

אָבער איינער פון זיי איז געווען אַ פריילעכער און אַ בראַווער, האָט ער געזאָגט:

— איך האָב אַ גוטן פּלאַן! — און ער פרעגט דעם ערשטן:

— זאָג מיר, וואָס קאָנסטו טאָן?

— איך בין אַ גוטער גערטנער.

— און דו? — פרעגט ער דעם צווייטן.

— איך קאָן בויען הייזער.

— און דו?

— איך קאָן קאָכן.

— און וואָס קאָנסטו? — פרעגט ער באַם פערטן.

— איך האָב קיינמאָל ניט געאַרבעט. מען האָט געאַרבעט פאַר מיר.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט דער פריילעכער אַלעמען אויפגעוועקט. און זיי האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

דער פריילעכער איז געווען אַ יעגער. ער האָט געכאַפּט אַ האָז. דער קוכער האָט אים אָפּגעקאָכט. דער גערטנער האָט צעגראָבן אַ גאָרטן. נאָך איינער האָט גענומען בויען אַ הויז. דער לעצטער האָט גאָרניט געטאָן, בלויז געשלאָפן און געגעסן.

איינמאָל רופט זיך אָן דער לעצטער:

— ווייסט איר גאָר וואָס, מיינע פריינט? פאַרוואָס דאַרפט איר אַרבעטן פאַר גאָרניט? איך האָב געלט, וועל איך אייך צאָלן פאַר

אייער אַרבעט, און איר וועט אַרבעטן פאַר מיר. איך וועל אייך צאָלן אַ דאָלער אַ וואָך, און איר וועט מיר צאָלן 75 סענט פאַרן עסן און 25 סענט פאַרן שלאָפן.

די פיר אַרבעטער האָבן ניט פאַרשטאַנען און זיי האָבן איינגעשטימט.

אַזוי שנעל ווי ער האָט אָנגעהויבן צאָלן, האָט ער גענומען שאַפן זיך מיט זיי. דאָ האָט ער געשריען, אַז זיי אַרבעטן ניט שנעל. דאָ, אַז זיי אַרבעטן ניט גענוג.

איינמאָל רופט זיך אָן דער פריילעכער:

— איך פאַרשטיי ניט. וואָס האָבן מיר פון דעם, וואָס מיר קריגן געלט? מיר גיבן עס דאָך אים אָפּ צוריק. און ער שרייט אויף אונדז. ווייסט איר וואָס? לאָמיר אַלע ניט גיין מאָרגן צו דער אַרבעט, סיידן ער וועט אונדז געבן נאָך אַ דאָלער אַ וואָך.

אַלע האָבן איינגעשטימט.

פינף טעג און פינף נעכט האָבן זיי ניט געאַרבעט. דער גערטנער האָט ניט געזייט. דער קוכער האָט ניט געקאָכט. דער בויער האָט ניט געבויט און דער יעגער איז ניט געגאַנגען אויף יאַגד.

דער מאַן מיטן געלט האָט געמוזט נאָכגעבן.

עס זיינען אַוועק נאָך עטלעכע טעג. זאָגט דער מענטש מיטן געלט צו די אַרבעטער:

— איר מוזט מיר צאָלן אַ דאָלער אַ וואָך פאַרן עסן און אַ דאָלער אַ וואָך פאַרן שלאָפן, ווייל איך צאָל אייך איצט מער, מוז איך אייך רעכענען מער.

די פיר אַרבעטער האָבן געמיינט, אַז ער איז גערעכט, האָבן זיי איינגעשטימט.

דערנאָך האָבן זיך די אַרבעטער ווידער פאַרטראַכט:

— וואָס טוט זיך דאָ? דאַכט זיך, מיר קריגן שוין מער באַצאָלט, אָבער מיר האָבן ניט מער. אַלץ, וואָס מיר פאַרדינען, נעמט צו דער מענטש מיטן געלט. מיר אַרבעטן שווער, ער יאָגט אונדז, שאַפט זיך מיט אונדז. מיר וועלן אים זאָגן, אַז מיר ווילן נאָך צוויי דאָלער אַ וואָך.

דער מאַן מיטן געלט האָט ווידער געמוזט נאָכגעבן. ער האָט זיי אָבער מיט עטלעכע טעג שפּעטער דערקלערט, אַז זייער אַרבעט קאָסט אים מער, מוז ער זיי רעכענען מער פאַרן עסן און פאַרן שלאָפן. און באַ די פיר אַרבעטער איז ווידער גאָרניט געבליבן פון זייער שווערער אַרבעט.

איינמאָל זיצן זיי אַזוי און טראַכטן. און דער פריילעכער גיט מיטאַמאָל אַ זאָג:

— מיר האָבן שוין אַזויפיל מאָל געקראָגן מער פאַר דער אַרבעט און אונדז בלייבט נאָך אַלץ גאָרניט. צו וואָס דאַרפן מיר אין גאַנצן דעם מאַן מיטן געלט? מיר קאָנען אַרבעטן אָן אים.

אַלע האָבן דערזען, אַז ער איז גערעכט און געטאָן טאַקע אַזוי, ווי ער האָט זיי געהייסן.

אַ פריילעכס

● סאָרע פעל-יעלין

לאָמיר אויסטאַנצן אַ פריילעכס
צום געבורט פון אונדזער לאַנד,
צום געשפּיל פון די קלעזמאָרים,
לאָמיר פּליעסקען מיט דער האַנט.

עס איז דאָ מיט וואָס זיך פרייען,
גרויסן זיך און הוליען ברייט:
ס'האָבן יידן זיך אַ צוקונפט
אין דער בירער ערד פאַרזייט!

עס איז דאָ פאַרוואָס צו טאַנצן
מיט אַ שוואונג און מיט אַ ברען —
אַזאַ גליקלעך יידיש לעבן
האָט די וועלט נאָך ניט געזען.

אַ באַגעגעניש מיט אַ יידישן יינגל

● לויט מאַקסים גאָרקי

איינמאָל, ווען איך בין געגאַנגען מיט אַ גאַנצער כעוורע קינדער פון שטאָט אין פעלד אַריין, האָבן מיר פּלוצלונג געטראָפן אַ יידישן יינגל, וואָס איז פאַר אונדז געשטאַנען באָרוועס, אין אַ צעריסן העמד. ער איז געווען מאָגער, האָט געהאַט שוואַרצע אויגן און אַ געקרייזלטן קאָפּ, ווי אַ קליינער שעפּס.

— האַלט אים! — האָבן די קינדער לוסטיק גענומען רופן אין כאָר — האַלט אים! דאָס איז אַ ייד! כאַפּט דעם יידן!

איך האָב געמיינט, ער וועט אַנטלויפן. אָבער פּלוצלונג זאָגט ער זייער רואיק, דייטלעך און אין אַ גוטן רוסיש:

— איר ווילט, איך זאָל אייך ווייזן קונצן?

— נו, ווייז! — האָבן די קינדער געשריען.

ער האָט אויסגעבויגן זיין שלאַנק קערפּערל אויף צוריק, באַרירט מיט די הענט די ערד, האָט אויפגעהויבן אין דער הויך די פיס, געבליבן שטיין אויף די הענט און אויסגעשריען: „האָפּ!"

און דער יינגל האָט זיך גענומען דרייען, ווי אַ מילכל. ער האָט שטאַרק געשוויצט פון אָנשטרענגונג. דאָס העמד אויף זיין רוקן איז געוואָרן נאַס.

די קינדער האָבן אונטערגעיאָגט דעם יינגל מיט הילכיקע רופן. אייניקע האָבן אים גענומען נאָכמאַכן.

ווען אַלץ האָט זיך באַרואיקט, האָט ער אויסגעשטרעקט זיין דאַרע האַנט און געזאָגט:

— און איצטער, גיט מיר עפּעס.

אַלע האָבן געשוויגן. עמעצער האָט אַ פרעג געטאָן:

— געלט?

— יאָ — האָט געענטפערט דער יינגל.

— אָך, אַזאַ ביסטו!

— פאַר געלט וואָלטן מיר אויך געקאָנט!

פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון זיי האָט קיין געלט ניט געהאַט. איך האָב פאַרמאָגט זיבן קאָפּיקעס.

איך האָב אַרויפגעלייגט צוויי מאַטבייעס אויף זיין האַנטפלאַך. ער האָט מיר געזאָגט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל: ..

— אַ דאַנק!

איך האָב דערזען, אַז זיין העמד איז פול מיט טונקעלע פלעקן און עס קלעפּט זיך צום לייב.

— שטיי אַ ווײַלע. וואָס איז דאָס?

— מיר זיינען פון דער פאַרשטעלונג-פּלאַטפאָרם אַראָפּגעפאַלן פון אַ טרעפּ... דער פאָטער ליגט נאָך, און איך בין געזונט.

איך האָב אויפגעהויבן זיין העמד. דורכן רוקן, פון דעם לינקן אַקסל ביז צו דער זייט, האָט זיך געצויגן אַ טונקעלער פאַס. עס איז שוין געווען פאַרהיילט. אָבער אין דער צייט פון די קונצן האָט זיך די וואונד אין אייניקע ערטער געעפנט.

— איצט טוט שוין ניט וויי — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל — עס בייסט נאָר. איר מיינט, אַז איך האָב געאַרבעט פאַר זיך? ער־ניט! דער פאָטער... יאָ, מען מוז אַרבעטן. און דערצו זיינען מיר יידן, און אַלע שפּאָטן פון אונדז... אויף ווידערזען!

ער האָט גערעדט שמייכלענדיק, לוסטיק און מונטער.

היי, ערדעלע

● י. דאָברושין

היי, ערדעלע, דו ערדעלע,
שוואַרץ ערדעלע דו מיין!
וואָס וועסטו דאָ, מיין ערדעלע,
וואָס וועסטו דאָ מיר זיין?

צי זיין וועסטו מיר, ערדעלע,
אַ היים אין פרייען לאַנד,
און היטן מיך און פיטערן
פון פולער ברייטער האַנט?

צי זיין וועסט מיר אַ פריינטעלע
אויף לאַנגע, לאַנגע יאָר,
ווען זייען כ'וועל מיין היינטעלע,
זאָל מאָרגן אויפגיין קלאָר.



דער קליינער מאַטראָס

● א. מייזל

אַז פּיצי איז אַלט געווען דריי יאָר, איז געשטאָרבן זיין מאַמע.

דער טאַטע האָט איצט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיטן קליינעם זון. ער איז געווען אַ מאַטראָס אויף אַ שיף. איבערלאָזן פּיצין האָט ער ניט געהאַט בײַ וועמען.

האָט ער אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אויף די הענט און געטראַכט. אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, האָט ער גענומען דעם קליינעם פּיצין אויף די הענט און איז אַוועק מיט אים צום ברעג יאַם. דאָרטן איז געשטאַנען דער אָפיס פון זיין שיף-קאָמפּאַניע.

— אַזוי און אַזוי. מיין ווייב איז טויט. דעם זון האָב איך ניט בײַ וועמען איבערצולאָזן. דערלויבט מיר אים נעמען מיט זיך אויף דער שיף.

נאָך אַ סאַך געבעט און טייַנעס האָט מען אים דערלויבט.

דער טאַטע האָט פּיצין געקויפט אַ מאַטראָסן-בלוזקע, אַ פּאָר לאַנגע ברייטע הייזקעלעך, אַ ווייס היטעלע. ער האָט אים אַרויפגעטראָגן אויף דער שיף און פאָרגעשטעלט פאַר די מאַטראָסן:

— דאָס איז מיין זון פּיצי. ער וועט שווימען מיט מיר.

די מאַטראָסן האָבן פּיצין געהויבן אויף די הענט:

— ניט געזאָרגט, ברידערל, וועסט זיין מיט אונדז. אַזעלכע פּאַפּיקלעך האָבן מיר ליב. וועסט אויסוואַקסן און זיין אַ גוטער מאַטראָס.

די שיף, אויף וועלכער פּיציס טאַטע האָט געאָרבעט, איז געווען אַ פראַכט-שיף. דאָ פלעגט זי זיך אָנלאָדן מיט סכוירע און אַוועקשווימען ווייט-ווייט צו די האַפנס אין אייראָפּע: קיין האַמבורג, ברעסט, ליווערפּול. די מאַטראָסן האָבן געפירט. ניט געוואוסט אַפילו, וואָס זיי פירן.

ס'איז געווען מילכאָמע-צייט. ס'האָבן זיך געשלאָגן ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, רוסלאַנד און אַנדערע לענדער. מ'האָט געדאַרפט געבן די סאָלדאַטן ביקסן, מאַשין-ביקסן, באָמבעס, גראַנאַטן. די פאַבריקאַנטן אויף דער זייט האָבן ניט געהאַט גענוג „הענט".

די האַפּנס זיינען געוועזן פאַר־לעגערט מיט סכוירע. די מאַט־ראָסן האָבן קיין צייט ניט גע־האַט רעכט אָפּצורוען. די שיף־קאָמפּאַניע האָט געטריבן:



— צוריק איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן — גיך! געשעפטן זיי־נען גוט.

די שיף איז געוועזן אַן אַלטע. אַזאַ באַבעצע האָט שוין געדאַרפט גיין אין ברוך. אָבער די שיף־קאָמפּאַניע האָט זיך ניט געאיילט:

אַ שיף בויען קאָסט טייער. טאָמער וועט מיט דער באַבעצען אַן אומגליק געשען, איז אויך קיין בייז ניט. זי איז גוט פאַרזיכערט...

ווען די שיף האָט נאָכאַמאָל געדאַרפט אָפּפאָרן קיין אייראָפּע, איז אָנגעקומען אַ דראַטלאָזע מעלדונג:

ניט אַלע האַפּנס אין אייראָפּע זיינען זיכער. דייטשישע סוב־מאַרינען לויערן אויפן וועג.

אָבער די שיף־קאָמפּאַניע לאָזט די שיף אין וועג אַריין.

שווימט די שיף איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן. באַנאַכט היט מען זיך, און מען פאַרלעשט די פייערן.

באַטאָג זיינען מאַטראָסן זייער שטאַרק פאַרנומען. נאָר אַז מ'האָט אַ מינוט פריי, נעמט מען זיך שפּילן מיטן קליינעם פּיצין:

— ווער ביסטו?

— אַ קיינע מאַטיאָס.

— וואוהין פאָרסטו?

— אין אייראָפּע.

— און אַז דו וועסט גרויס ווערן, וואָס וועסטו זיין?

— אַ גוויסע מאַטיאָס.

— האַ־כאַ־כאַ!

אַן עלטערער מאַטראָס נעמט אים צו זיך אויף די הענט. ער דריקט אים צו זיך און פרעגט אים:

— ווייסט, פּיצי, וואָס אין אייראָפּע איז איצט?

— כ'ויים ניט.

— אַ מילכאָמע.

— וואָס?

— אַ מילכאָמע. מענטשן מאַכן פּוף־פּאַף.

— אַ כאָמע? פּוף־פּאַף?

פּיצין איז די מייסע זייער שטאַרק געפעלן. ער גייט אַרום איבער־ן דעק פון דער שיף און מאַכט: פּוף—פּ־אַ־ף...

ס'איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג. די שיף האָט זיך אַרומגע־שליידערט איבער הויכע, שוימיקע כוואַליעס. פון ערגעץ איז פּלוצלונג אַרויסגעקראָכן אַן אומרואיקער געדודער:

— אַ דייטשישע סובמאַרין!

שטייען די מאַטראָסן און קוקן אַלע אין איין ריכטונג. פּיצי קוקט אויך אַהין און זעט גאָרניט, כאָטש דער טאַטע האַלט אים אויף די הענט און דריקט אים שטאַרק צום האַרצן.

פון דער סובמאַרין איז געקומען אַ באַפעל:

— אַרונטערלאָזן זיך אויף שיפלעך! אין צען מינוטן צייט!

לאָזן די מאַטראָסן אַרונטער די שיפלעך אויפן וואַסער. די מאַטראָסן לאָזן זיך אַרונטער אין די שיפלעך:

— זיי געזונט, פּיצי!

— גוד ב־יי־יי, קליינער!

אָט גליטשט זיך שוין דער טאַטע אַרונטער. באַ אים אויף די אַקסלען, ביידע פיסלעך איינגעשטייפט, זיצט פּיצי. שוים שפּריצט

אים אָפּ דאָס פּאַנעם. פּיצי זשמורעט זיך, מאַכט צו די אויגן. ענדלעך — זיי זיצן שוין אין שיפל.

דאָס שיפל הייבט זיך און פאַלט. פּיצי פילט, ווי עמיצער וואַלט אים פון אָרט געריסן, אָבער דער טאַטע האַלט אים שטאַרק, אַז עס טוט פּיצין וויי.

עפנט פּיצי אויף אַ שפּעלטל פון די אויגן, זעט ער, ווי נאָך אַ סך שיפלעך זיינען אַנגעזעצט אויפן יאַם. דאָרט זיצן נאָך אַנקלס.

און מיטאַמאָל — פּוף־פּאַף!!!

אַ שפּיל אַזאַ, וועלכע פּיצי האָט זיך אויף דער שיף אויסגעלערנט. אָבער די איז אַזאַ שרעקלעכע. פּיצי האָט זיך גאָר דערשראָקן און זיך צעוויינט.

אין זיין בימערן געוויין האָט ער פאַרהערט, ווי אַ ווינט האָט אַ שטוים געטאָן זיין שיפל, עס איבערגעקערט און אויסגעשאָטן אים, מיט זיין טאַטן, מיט די איבעריקע אַנקלס אין די וואַסערן פון יאַם...

צום ברודער

ש. פרוג ●

ניט שרעקלעך איז די פינצטערניש —
ס׳וועט אָנהויבן צו טאָגן.
די שטראַלן וועלן פון דער וועלט
די שוואַרצע נאַכט פאַריאָגן.

עס וועלן אויפוואַכן פון שלאָף
גאָר נייע לייט מיט נייע מויכעס.
זיי וועלן ברענגען אויף דער וועלט
פיל נייע, פרישע, שטאַרקע קויכעס.

העלע שטראַלן, גרויסע ליכט
וועט דעמאָלט ווערן אָנגעצונדן.
דער שלאָפער וועט באַקומען קראַפט,
און ליכטיק ווערן וועט דעם בלינדן.

איז אַוועק צום קריג דער מיילעד



• מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ

יידיש: א. רייזען

איז אַוועק צום קריג דער מיילעד,
בלאָזן אַלע שויפרעס פריילעך;
שויפרעס בלאָזן, רוישן, ברומען,
אַז ער זאָל בעשאָלעם קומען...

איז געגאַנגען סטאַך זיך שלאָגן,
האָט דער טייך גענומען קלאָגן,
און די זאַנגען — שטיל צו ציטערן
אויף זיין מאַזל, אויף זיין ביטערן...

אויפן שלאַכטפעלד אונטן, אויבן
פליען קוילן, מענטשן ליגן;
מלאָכים שלאָגן זיך ווי לייבן,
כלאָפּעס פאַלן ווי די פליגן...

פאָנען רוישן, שאָסן קראַכן,
און די מאַכנעס ציען ווייטער.
ס׳האָט אַ קויל געטראָפן סטאַכן;
ס׳קומט אַהיים דער מיילעד הייטער.

ווי געקומען איז דער מיילעד
עפענען זיך די טויערן פריילעך,
די טראָמפּייטן רוישן, שאַלן,
און די זון — זי פלייצט מיט שטראַלן.

ווי מען האָט גענומען גראָבן
פאַר דעם סטאַך אַ גרוב, דאַן האָבן
שטיל געוויינט אין פעלד די גראָזן
און אַ ווינט האָט צוגעבלאָזן...

אין רייכן לאַנד

● י. ת. ראַדאָשיצקי

גרויס איז אונדזער לאַנד דאָ —
ברייט און פעט און רייך:
מיט האָניק, פלייש און ברויט,
מיט פיש אין יעדן טייך.

די שפייכלער זיינען פול
מיט פיירעס און מיט ברויט —
דאָך שרייט אויף שריט און טריט
פון מענטש אַרוים די נויט.

יאָ, רייך איז אונדזער לאַנד
מיט זילבער, גאָלד און זייד;
נאָר אונטער טויזנט שלעסער
ליגט די גרויסע פרייד.

דו שפּאַן נאָר דורך אַ גאַס
פון רוישיקן ניו-יאָרק —
און פאָרש, פאַרנעם און הער
די זיפצן פון דער זאָרג...

און מענטשן וועסטו זען,
פאַרוואָגלטע און דאַר,
און פון די אויגן גליט
אַ ווייענדיקער צאַר...

פאַרלאָרן דעם באַלעבאָס

● ז. ליבין

1.

לאַנגזאַם, אָפּשטעלנדיק זיך יעדע ווײַלע, האָט דאָס פערד געפירט דעם וואָגן מיט עפּל. נאָכן וואָגן זײַנען נאָכגעגאַנגען אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק און אַ יונגער ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף.

דער מאַן איז געווען דער אייגנטימער, דער באַלעבאָס פון דעם וואָגן מיט די עפּל, און דער יונגער ייִנגל — סעמי האָט ער געהייסן — איז געווען אַ געדונגענער העלפער, אַן אויסשרייער און צו דער זעלבער צײַט אַן אַרויפטרעגער פון די עפּל צו די קוינים.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון ווינטער און דער סאָף פון טאָג. דאָס וועטער איז אויסגעפאַלן אַ שלעכטס, אַ צאָרעדיקס. עס האָט געבלאָזן אַ קאַלטער, שנײַדנדיקער ווינט און עס האָט ניט אויפגעהערט צו שפּריצן אַ קאַלט רעגנדל, וואָס האָט דורכגענומען דורך און דורך מיט פײַכטקייט און מיט קעלט.

אַ לײַכט זומערדיק דזשעקעטל און אַ פּאָר לײַכטע קורצע קני-הייזלעך האָבן שלעכט באַשיצט דעם אָרעמען ייִנגל פון דעם גרויזאַמען וועטער. פון די הייזלעך האָט זיך אין עטלעכע ערטער אַרויסגעזען דאָס הוילע לײַב, און פון זײַנע צעריסענע שיך האָבן אַרויסגעשטעקט די פינגער. דער ייִנגל האָט זיך געטרייסלט פון קעלט — און עפּשער אויך פון הונגער. זײַן קליין אויסגעדאַרט פּנים איז געווען בלאָס און בלוי, אָנגעשוואָלן פון פײַכטקייט און איבערגעפרוירן פון קעלט.

— פּיוו סענט איי האָל לאָט! — האָט אויסגעשריען דער באַלעבאָס.

— איי, אַפּלס! — האָט נאָכגעשריען סעמי מיט אַ הייזעריקער, קינדערשער, האַרצרײַסנדיקער שטים.

קיינער האָט אָבער קיין עפּל ניט געבעטן און דאָס פערד האָט געגעבן אַ טראָט ווײַטער.

— וועלן מיר באַלד פאָרן אַהיים? — האָט סעמי געפרעגט זײַן באַלעבאָס, און עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

דער באַלעבאָס האָט אין אָט־דעם שלעכטן טאָג אויך שלעכטע געשעפטן געמאַכט, און ער האָט ניט געהאַלטן פאַר נויטיק צו ענטפערן אויף זיין יינגלס פראַגע.

— פייוו סענט איי האָל לאָט !

— איי, אַ־אַ־אַפּלס !

עס זיינען אַריבער נאָך עטלעכע מינוט.

— וועלן מיר באַלד פאָרן אַהיים ? — האָט סעמי ווייטער געפרעגט, און זיין קינדיש האַרץ האָט פאַרקלעמט פאַר ווייטיק.

דער באַלעבאָס האָט אַ לאַנגזאַמען, שאַרפן, בייזן בליק געגעבן אויפן קינד.



—ווען איך וואָלט וויסן — האָט דער באַלעבאָס געענטפערט — אַז דו ביסט אַזאַ פוילער יינגל, וואָלט איך דיך אַפילע אומזיסט ניט גענומען.

— איך פויל זיך ניט — האָט סעמי געענטפערט — מיר איז קאַלט.

און זיין קאָל האָט געציטערט פון טרערן.

— קאַלט — האָט אים איבערגעריסן דער באַלעבאָס — וואָס אַרט עס מיך? אַ קוואָדער וועסטו דאָך וועלן נעמען.

— פייוו סענט איי האָל לאָט!...

— איי, אַפּלס! — האָט אויסגעשריען אַ שטים פול מיט טרערן.

און דאָס פערד איז זיך לאַנגזאַם געגאַנגען און געגאַנגען. סעמי האָט דערפילט, אַז ער פאַלט פון די פיס און ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אין וואָגן.

2.

— נעם גיי אַריין אַהער — האָט דער באַלעבאָס אָנגעצייגט סעמין אויף אַ הויז — אָבער קלאַפּ אָן טיר אין טיר. ווען דו וועסט פאַרקויפן, קום גלייך אַראָפּ נאָך אָן עמער מיט עפל. ווען ניט, גיי איבערן דאָך אין דעם צווייטן הויז. געשווינט!

און סעמי איז אַוועק אין דעם אָנגעצייגטן הויז. דאָס איז געווען אַ פלעט-הויז. דער קאָרידאָר איז געווען באַדעקט מיט קאַרפּעטס און מיט דאַמף באַוואַרעמט. סעמי האָט גענומען קלאַפּן פון טיר צו טיר. קיינער האָט אָבער קיין עפל ניט געדאַרפט. באַ די שכיינים אין די צימערן האָט שוין פייער געברענט. פון אייניקע דירעס האָבן זיך געהערט פריילעכע קינדערשע פּלאַפּלעריי און געלעכטער און פון אייניקע האָבן זיך געטראָגן טענער פון פּיאַנעס.

אָט קלאַפּט סעמי אָן אין אַ טיר. מען עפנט. עלטערן צוזאַמען מיט די קינדער זיצן באַם טיש און מען טרינקט טיי.

— אַפּלס? — פרעגט סעמי.

— נאָו! — ענטפערט מען און מען פאַרהאַקט בייז די טיר.

אין אַ צווייטן פלאַץ זעט סעמי, ווי קינדער זיצן זיך און עסן. דער הונגעריקער סעמי דערפילט דעם רייעך פון שפּייז, און זיין פאַר־קלעמטע האַרץ פאַנגט אָן נאָך שטאַרקער ווייי צו טאָן. נאָך אין אַ פלאַץ עפנט זיך האַסטיק די טיר און אַ פריילעך שיין געקליידטע מיידעלע ווייזט זיך.

— עני, אַהערצו קום! — דערהערט זיך אַ קאָל פון אַ פרוי — לויף ניט אַרום איבערן האָל, וועסט זיך נאָך פאַרקילן.

אַזוי דערגייט סעמי ביזן העכסטן שטאָק, און קיין עפּל האָט ער ניט פאַרקויפט. סעמי נעמט גיין אויף די טרעפּלעך, וועלכע פירן צום דאַך, נאָר ער האָט דערפילט, ווי דער רעגן שמייסט אין דאַך און ער בלייבט אַ ווײַלע שטיין. אין קאָרידאָר איז וואַרעם און טרוקן. סעמין, דעם מידן איבערגעפראָרענעם ייִנגל, פאַרווילט זיך אָפּרוען.

— פונוואַנען וועט דער באַלעבאָס וויסן ? — טראַכט דאָס קינד— ער וועט מיינען, אַז איך האָב זיך עטוואָס לענגער פאַרזאַמט. סעמי זעצט זיך אַוועק ווי אַן אונטערגעהאַקטער און שפּאַרט זיך אָן אָן דעם עמער מיט די עפּל.

סעמי האָט זיך פאַרטראַכט וועגן די קינדער, וועלכע האָבן גע־געסן, געטרונקען און זיך געשפּילט... ער נעמט זיך פאַרשטעלן, אַז ער איז אויך איינער פון זיי און אַז ער עסט, אַז ער טרינקט, אַז ער שפּילט זיך... אין קאָרידאָר איז טרוקן און וואַרעם. אַ דרעמל האָט גענומען שמידן סעמיס צעווייקטע, צעפראָרענע גלידער... ער האָט עפּעס אַזוי ווי דערשראָקן אַ כאַפּ געגעבן זיך, אָבער באַלד איז ער ווייטער אַנטשלאָפן געוואָרן.

דער באַלעבאָס האָט לאַנג אויף זיין ייִנגל ניט געוואַרט ; ער האָט זיך געהאַט זיין טרוקענע רעכענונג : דער טאָג האָט זיך שוין גע־ענדיקט ; דעם ייִנגל דאַרף ער שוין סיי ווי סיי שיקן אַהיים ; אַ קוואָדער איז ער אים דאָך שולדיק, און דער עמער צוזאַמען מיט די עפּל איז דאָס ניט ווערט.

און ער האָט זיך גענומען ווייטער פאָרן ; ער איז דאָס שוין געפאָרן אַהיים.

3.

ווער ווייס ווי לאַנג סעמי וואָלט געשלאָפן, ווען אַ שכיינע פון דעם הויז וואָלט ניט געגאַנגען אַ קוק געבן, אויב דער ווינט האָט ניט צעשמיסן די וועש, וואָס איז געהאַנגען אויפן דאַך.

סעמי האָט דערפילט, ווי עמעצער האָט אים געגעבן אַ טופּ מיטן פוס... ער האָט זיך אַ כאַפּ געגעבן ניט טויט ניט לעבעדיק ; מיט שרעק האָט ער אַ קוק געגעבן אַרום זיך. לעבן אים איז געשטאַנען אַ גרויסע, דיקע, געזונטע פרוי.



— אַוועק פון דאַנען, דו לויפער! — האָט די פרוי זיך צעשריען — דאָס איז קיין פּלאַץ ניט צום שלאָפן.

— אַפּלס! — האָט סעמי אַ שטאַמל געגעבן, האַסטיק זיך אויפגעהויבן און ער האָט געכאַפּט לויפן פון די טרעפּ.

ווען סעמי איז אַרויס פון האָל, איז שוין געווען פינצטער.

— איי, אַפּלס! — האָט ער אויסגעשריען און גענומען מיט די אויגן זוכן דעם וואָגן מיט די עפּל. דער וואָגן איז אָבער מער ניט געווען.

אַ פאַרלאָרענער, אַ דערשראָקענער האָט דער יינגל גענומען אַרומלויפן... דער וואָגן מיט די עפּל איז פאַרפאַלן געוואָרן.

אין איין מינוט האָט סעמי זיך פאָרגעשטעלט זיין היים, וואו מען נויטיקט זיך אין דעם קוואָדער. ער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. ער האָט ניט געוואוסט, וואוהין צו לויפן. אַהיים האָט ער זיך געשראָקן צו קומען...

און דער רעגן האָט גענומען שמייסן שטאַרקער און שטאַרקער.

אַ מייסע מיט אַ מאַנטל

● קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

באַ אַ שניידער אין קאָמאָרע
פול מיט קינדער קאַנאַהאָרע,
קינדער פּיצעלעך ווי מאָן,
שטייט אַ וויגל אויבנאָן.

איצטער הייבט זיך אָן די מייסע —
ניט פון ציגעלעך פון ווייסע —
נאָר אַ מייסע פון אַ מאַנטל
פון אַ טונקעלן געוואַנטל.

האָט מען אויפגענייט אַ מאַנטל
פון אַ טונקעלן געוואַנטל
פאַרן עלטסטן באָכער שמועל —
ער זאָל קאָנען גיין אין שול.

גייט אים שמוליק יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל ניי.
גייט אים שמוליק נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איינמאָל שמוליק טוט אים אָן,
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאָן.

ווערט אַ טומל אין קאָמאָרע:
נאַדיר גאָר אַ נייע צאָרע,
שמוליק טוט דעם מאַנטל אָן —
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאָן.

וואָס זשע קאָן דאָ זיין דער מער?
גייט אין מאַנטל יאָסל-בער.

גייט ער אין אים יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל ניי.
גייט ער אין אים נאָך אַ יאָר,
ווערט דער מאַנטל שענער גאָר.

איינמאָל פאַלט ער אויף די טרעפּלעך
און — אַ סאַך צו אַלע קנעפּלעך.

ווערט אַ טומל אין קאַמאָרע:
נאַדיר גאָר אַ נייע צאָרע,
גיין און פאַלן אויף די טרעפּלעך
און — אַ סאַך צו אַלע קנעפּלעך?

נו, איז מיילע,
ווערט שוין גיין אין מאַנטל ביילע.

גייט אים ביילע יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל ניי.
גייט אים ביילע נאָך אַ יאָר,
פעלט דעם מאַנטל ניט קיין האָר.

איינמאָל, ביילע טוט אַ שפּיי,
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דריי.

ווערט אַ טומל אין קאַמאָרע:
נאַדיר גאָר אַ נייע צאָרע,
טאָמער ביילע טוט אַ שפּיי,
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דריי...

און עס פּאַסקנט דאָס געזינדל
זאָל שוין גיין אין מאַנטל הינדל.

גייט אים הינדל יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל ניי.
גייט אים הינדל נאָך אַ יאָר,
ווערט דער מאַנטל שענער גאָר.

איינמאָל ווערט אַ גרויסער טומל,
אַלע שטייען אין אַ רומל,
הינדל כליפּעט אויפן בעט —
האָט אָנגעוואָרן אַ מאַנקעט.

שרייען אַלע, אַלע, אַלע:
דאָס איז דאָס אַ מויד אַ קאַלע,
ליגט און כליפּעט אויפן בעט...
ווי פאַרלירט מען אַ מאַנקעט?

האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט דער ייִנגסטער באָכער פאַנטל.

פאַנטל, פאַנטל, איי איז דאָס אַ באָכערעץ!
כאַוועֿרט זיך מיט הינט און קעץ.
יאָגט זיך נאָך נאָך יעדן וואָגן,
שלאָגט זיך, ווערט אַליין געשלאָגן.
מיאַוקעט, פייפט און שרייט און שפּילט,
און די מאַמע לאַכט און שילט.

האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט אָט דער-אָ באָכער פאַנטל.

האָט ער באַלד דעם ערשטן טאָג
אָפּגעפּליקט אַ גאַנצן ראָג.
און אויף מאָרגן אין דער פרי
אויסגעהאַקט אַ לאָך אין קני.

און דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט
אָן אַ קאָלנער אים געבראַכט,
מיט צוויי לעכער גרויס ווי אויגן
אין די ביידע עלנבויגנס.

שרייען אַלע פאַראַמאָל,
אַלע, אַלע מיט איין קאָל:

אַזאַ מאַנטל, אַזאַ מאַנטל
פֿאַלט אַריין צום טאַכשעט פֿאַנטל — — — —

איינמאָל פֿאַנטל איז ניט פֿויל,
קומט צו לויפֿן נאַקעט, הויל.

שרייען אַלע מיטאַמאָל,
אַלע, אַלע מיט איין קאָל:
טאַכשעט, שייגעץ, פֿלעדערמויז!
וואו איז דער מאַנטל, זאָג נאָר אויס!

ענטפֿערט זיי דער וואוילער יונג
מיט אַזאַ־אַ שאַרפֿער צונג:
כ׳האָב פֿון אים דעם רעכטן לאַץ
אָפּגעשענקט דער ווייסער קאַץ,

און דערנאָך דעם לינקן לאַץ
אָפּגעשענקט דער שוואַרצער קאַץ,
און די רעשטע — לאָך אויף לאָך —
וועט אָנקומען די צווייטע וואָך.

ווען דער פּאַפּאַ סטרייקט

ז. ליבין

עס איז ווינטער-נאַכט.

דרויסן איז אַ ברענענדיקער פראָסט און אַ שניידנדיקער קאַלטער ווינט. דרויסן איז סיביר. און אין צימער? אין צימער איז ניו-יאָרק. עס איז קאַלט ווי אין דרויסן. דאָ אין צימער וואוינט אַן אַרבעטער, אַ יידישער הויזן-מאַכער. און פון יעדן ווינקעלע קוקט אַרויס די ביטערע שטיקנדיקע נויט, ווייל דער הויזן-מאַכער איז אין סטרייק.

דער סטרייקער איז ניטאָ אין דער היים. ער איז אויף אַ מיטינג. די פרוי זיינע זיצט באַם אויוון און נייט עפּעס מיט דער נאָדל — דאָס פאַרריכט זי אוים וועש פאַר די שכיינים, העלפנדיק דערמיט דעם מאַן אין זיין סטרייק.

עס איז שטיל אין צימער. בלויז דער ווינט קלאַפּט אין די פאַר־פראָרענע שויבן. און טייל מאָל רייסט ער זיך גאָר אַריין אין קוימען און ווייגט אַזוי האַרצרייסנדיק, אַזוי טרויעריק, עפּעס ווי ער וואָלט אויך געהאַט אַ ביטער האַרץ פון אַ הויזן-מאַכער אַ סטרייקער...

— מאַמע! — האָט זיך דערהערט אַ קינדיש שטימעלע פון שלאָפצימער. און די מאַמע וואַרפט די אַרבעט און לויפט אַהין. דאָרט שלאָפט איר צירעלע, איר איינציק דריי-יאָריק קינד.

צירעלע איז געווען באַהאַלטן אין אַ יאַם מיט שמאַטעס, האָט זי דאָס אַלץ אַראָפּגעוואָרפן און וויל אַרויסגיין פון בעט.

— וואוהין, מיין קינד? — פרעגט די מוטער און פרואווט צוריק איינדעקן דאָס מיידעלע.

— מאַמע, נעם מיך צום אויוון, מיר איז קאַלט — בעט זיך צירעלע.

— עס איז דאָרטן אויך קאַלט, צירעלע!

— וואַרף אַריין קוילן — גיט דאָס קינד אַן אייצע.

— ניטאָ, מיין נאַכעס, קיין קוילן — זיפצט דעם סטרייקערס פרוי.

— פאַראַן.

— ניטאָ, מיין לעבן.

און די מוטער גייט אין קיך, נעמט דאָס לערע קוילן־שעפל און ווייזט עס צירעלען.

צירעלע קוקט אַריין אין שעפל און גיט דערביי אַ טיפן, קינדישן זיפץ.

— ניטאָ מער קיין קוילן — זאָגט צירעלע און איר קינדיש פּנימל ווערט אַזוי ערנסט טרויעריק.

— ניטאָ מער — זאָגט די מוטער.

— גיי ברענג — ראַט דאָס קינד.



— ניטאָ קיין געלט, מיין האַרץ.

— ניטאָ קיין פּענים? — פרעגט דאָס קינד איבער.

— יאָ, מיין נעשאָמע, ניטאָ קיין פּענים.

— דער טאַטע ברענגט ניט?

— יאָ, צירעניו, דער טאַטע ברענגט ניט.

— פאַרוואָס?

— ווייל ער איז אין סטרייק, מיין טאָכטער.

צירעלע קוקט אויף דער מוטער אַזוי טרויעריק, כאָטש דאָס לעצטע וואָרט, וואָס די מוטער האָט איר געזאָגט, פאַרשטייט זי ניט.

— שלאָף, צירעניו.

— איך וויל עסן, מאַמע!
— גלייך, מיין קינד.
און די מאַמע גייט אין קיך, שניידט אָפּ אַ ברעקל ברויט, זוכט עפּעס אין אַלמער, געפינט גאָרניט און, געבנדיק אַ שטילן, טיפן זיפץ, קערט זי זיך אום צוריק אין שלאָפצימער צו איר הונגעריק קינד.
— נאַ, מיין קינד.
— וואָס איז דאָס?
— ברייטעלע.
— איך וויל ניט, מאַמע!
— פאַרוואָס, צירעניו?
— באַשמיר מיט פּוטער.
— ניטאָ, מיין נאַכעס, מאָרגן וועל איך באַשמירן. דערווייל עס אַזוי.
— איך וויל ניט. גיב פּוטער!
— קינד מיינס, נו, וואָס וואָלט איך דיר ניט וועלן געבן, אז עס וואָלט געווען, נאַרעלע מיינס? — רעדט די מוטער איין איר קינד.
צירעלע וויל אָבער ניט גלויבן און וויזט אויפן אַלמער.
די מוטער ברענגט די ליידיקע פּוטער-קיילע צום בעט. צירעלע קוקט אויף איר און לאָזט ווידער אַרויס אַ שטילן, האַרצרייסנדיקן זיפץ.
— ניטאָ מער קיין פּוטער, מאַמע! — זאָגט דאָס קינד טרויעריק און פירט פונאַנדער די הענטלעך.
— ניטאָ מער, מיין לעבן — ענטפערט די מאַמע מיט אַ קאָל פון טרערן.
— ניטאָ קיין פענים? — פרעגט צירעלע.
— יאָ, מיין טאָכטער, ניטאָ קיין פענים.
— דער פּאַפּאַ ברענגט ניט?
— ניין, מיין נעשאָמע, ער ברענגט ניט.
— פאַרוואָס, מאַמע?
— איך זאָג דאָך דיר, מיין אויג אין קאָפּ, ער סטרייקט.
אַ ווײַלע שווייגט דאָס קינד, דערנאָך גיט עס פּלוצלונג אַ פרעג:
— וואָס איז דאָס, מאַמע?

— וואָס, מיין קינד?

— פאַרוואָס דער פּאַפּאַ ברענגט ניט קיין פּענים?

— ער סטרייקט, מיין קינד.

— ווער איז דאָס? — פרעגט צירעלע ווייטער.

— קיינער ניט, מיין קינד, דאָס איז אַ סטרייק.

— וואָס איז דאָס, מאַמע?

— אַ סטרייק, מיין נעשאָמע.

— אַ בוגימען?

— ניין, מיין קינד, קאָנסט עס ניט פאַרשטיין... וועסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטיין.

דער ווינט שטאַרקט זיך, און הייבט אָן אַזוי ווילד צו קלאַפּן אין די שויבן. עס ציטערט דאָס גאַנצע הויז. צירעלע דריקט זיך צו דער מאַמען און ציטערט פאַר שרעק.

— איז דאָס דער סטרייק, מאַמע?

— נאַריש קינד, דאָס איז דאָך דער ווינט.

צירעלע הערט זיך איין, טוליעט זיך צו דער מאַמען און נעמט אָן כיישעק עסן דאָס שטיקל ברויט...

פון דער מאַמעס אויגן קאַפּען אַרונטער טרערן אויפן קינדס קעפּעלע. און פון קינדס אויגן קאַפּען אַרונטער טרערן און באַנעצן דאָס טרוקענע שטיקל ברויט.

שפּאַניש וויגליד

● א. קורץ

ס׳פייפט דער ווינט
דורך אונדזער דאַך,
הימל צינדט זיך
אויף דער נאַכט.

קינד מיינס, קינד,
אויף גיך שלאָף איין.
זאָל דער ווינט
דיר זיין ווי וויין.

קאָרן, ווייץ
וואַרט אויפן שניט.
טאַטע שטייט
הינטער מאַדריד.

טאַטע היט
דיין ליבע שטאָט
פון פאַשיסטס
פאַרסאַמטן טראָט.

דער שיכפּוצער

● שמואל צעסלער

כ׳פּוץ די שיך, איך פּוץ די שיך,
שטעל אַרויף דיין פוס דאָ גיך.

אָט איך גיב אַ נעם צוערשט
און אַ רייב די שיך מיט בערשט.

טאַנצן בערשט אַהין, אַהער —
איז קיין שטויב נישטאָ שוין מער.

איצט מיט פּאַסטע איינגעשמירט
און מיט וואַקס אַדורכגעפּידט.

און געבאַרשט זיי פון דאָס ניי,
ווערן שיך ווי שפּאָגל ניי.

איצטער נעם איך יעדן שוך,
פּוץ אַרום נאָך מיט אַ טוך.

זעסט אַ גלאַנץ?
עס בליצט און בלענדט!
יעס, סער, פינף סענט!

די נויט

מאַני לייב ●

אין ברוקלין אין אַ שטיבל,
אָן ווענט און אָן אַ דאַך,
האָט זיך געוואוינט אַן אָרעמאַן
מיט קינדערלעך אַ סאַך.

און דאָרט באַ זיי אין שטיבל
איז ניט געווען קיין ברויט,
ווייל דאָרט אין שטיבל האָט מיט זיי
געוואוינט די בייזע, גרויע נויט.

דער אָרעמאַן פלעג אויפשטיין,
אַז שלאָפן פלעג די וועלט,
און גיין צופוס ביז אין ניו-יאָרק
פאַרדינען עפּעס געלט.

און אַז די זון פלעג אויפגיין
און ביז די זון פאַרגייט —
די קינדער פלעגן וויינען שטאַרק:
— אוי, מאַמע, מאַמע, ברויט!

די מאַמע פלעג דאָס זען
און וויינען שטילערהייט
און טרייסטן אירע קינדערלעך:
— וואָס דאַרפט איר, קינדער, ברויט?

— איר ווייסט דאָך, אַז דער טאַטע
איז אין ניו-יאָרק אַוועק.
ער וועט אייך ברענגען פון ניו-יאָרק
צוויי גרויסע פולע זעק —

צוויי פולע זעק מיט כאַלעס,
מיט עפּל און מיט ניס,
מיט קיכלעך און שאָקאָלאַד
און טאָרט, ווי האָניק זיס.

די קינדער פלעגן הערן,
זיי האָבן זיך געפרייט,
און פלעגן שוין דעם גאַנצן טאָג
ניט בעטן מער קיין ברויט.

און שטילינקע און גוטע
געוואַרט ביז שפּעט באַנאַכט,
און זען צי דער טאַטע האָט
צוויי זעק אַהיימגעבראַכט!

דער אָרעמאַן פלעג קומען
באַנאַכט, פאַרזאָרגט און מיד,
און זאָגן צו די קינדערלעך:
— היינט האָב איך גאָרנישט ניט.

די קינדער נעמען וויינען:
— אוי, ברויט, אַ שטיקל ברויט!
דער טאַטע שווייגט. די מאַמע זיפצט
און ווינטשט אויף זיך דעם טויט.

די גרויע נויט באַם אויוון —
זי זיצט זיך אויף איר שטיין,
און זעט דאָס אַלץ, און פרייט זיך אַלץ,
און שאַרפט זיך אַלץ די ציין.

נאָר איינמאָל האָט געטראָפן,
געשלאָפן איז די וועלט;

דער אָרעמאַן גייט אין ניו־יאָרק
פאַרדינען עפּעס געלט.

אָט ערשט איז ער פון שטיבל
צופוס אַזוי אַוועק —
און פּלוצלונג קומט ער באַלד צוריק
און טראָגט צוויי פולע זעק.

צוויי פולע זעק מיט כאַלעס,
מיט עפּל און מיט ניס,
מיט קיכעלעך און שאָקאָלאַד
און טאָרט ווי האָניק זיס.

און נעמט די קינדער וועקן,
ער וועקט זיי און ער לאַכט:
— שטייט אויף, איר ליבע קינדערלעך,
זעט וואָס איך האָב געבראַכט!

נו, האָט מען דאָס אין שטיבל
אַ ביסל זיך געפרייט! —
נאָר ניט געפרייט האָט זיך מיט זיי
די בייזע, גרויע נויט.

פון שרעק איז זי געוואָרן
אַ קליינע, קליינע גריל,
און איז פאַרקראָכן אונטער דיל
און האָט צעוויינט זיך שטיל.

שאַך־שפּיל

● לויט לעפּעשינסקין

די כאַוויירים, מיט וועלכע איך בין געפאָרן אין איין וואַגאָן קיין סיביר, האָבן געהאַט וועגן מיין שפּילן אין שאַך גאָר אַ געהויבענע מיינונג, ווייל זיי פלעגן באַ מיר שטענדיק פאַרשפּילן. זיי האָבן אונטערגעהיצט מיך מיט לענינען, מיר זאָלן זיך וואָס גיכער זעצן צום שאַכמאַט-טישל.

איך האָב זייער שיין פאַרשפּילט... נו, דאָס ערשטע מאָל קאָן זיך טרעפן. אָט וועלן מיר זען, ווי וועט זיין די צווייטע פּאַרטיע.

נאָר די צווייטע פּאַרטיע האָט זיך געענדיקט פאַר מיר פּונקט אַזוי שלימאַזלדיק, ווי די ערשטע.

די דריטע און די פערטע פּאַרטיע האָבן געהאַט דעם זעלביקן סאָף...

איך געדענק, ווי מיר האָבן אין דרייען זיך גענומען שפּילן קעגן

לענינען. און — אוי, אַ גליק! אוי, אַ פרייד! לענין האָט זיך אויס־געגליטשט... לענין כאַפּט אַ מאַפּאַלע. ער האַלט שוין שמאָל, אונדזער זיג איז געזיכערט.

אונדזערע פּענעמער זיינען יאָנטעוודיק־פרייליכע.

מיר קוועלן און לאַכן אונטער. און מיר קוקן זיך גאַרניט אָרום אויף לענינען, וואָס זיצט אַזוי פאַרגליווערט איבערן שאַך־ברעטל אין איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג. אויפן גרויסן שטערן זיינעם האָבן אַרויסגעזיפּעצט טראָפּנס שווייס, די אויגן זיינען פאַרטיפט אין יענעם ווינקל, וואו ס'איז קאָנצענטרירט דער הויפּט־פונקט פון דער שלאַכט.

איך בין זיכער, ווען עמיצער זאָל געוועזן אַ געשריי טאָן אין יענער מינוט: „ס'ברענט!" — וואָלט לענין אַפילו נישט קיין פינטל געטאָן מיט קיין אויג. זיין לעבנס־ציל אין יענער מינוט איז געווען זיך נים אונטערגעבן, נים בלייבן קיין באַזיגטער.

מיר האָבן גאַרנישט נים באַמערקט.

דעם ערשטן געוואַלט האָב איך געמאַכט:

— באַ, באַ, באַ, עפּעס איז נישט גלאַט! — האָב איך אויס־געשריען, באַמערקנדיק דעם לעצטן אויסגעצייכנטן גאַנג פון לענינען. הם... הם... מע דאַרף עס צעקייען...

נאָר צעקייען האָט מען געדאַרפט פריער. איצט איז שוין געווען צו שפּעט. מיט צוויי, דריי גענג האָט דער פאַראַקשנטער קעגנער אונדז צעקלאַפּט.

מיר האָבן זיך גענומען שפּאַרן און אַרויפלייגן די שולד איינער אויפן אַנדערן, און דער זיגער האָט גוטמוטיק געשמייכלט, ווישנדיק מיטן טיכעלע דעם שווייס פון שטערן...

דער מישפּט

• י. אַפּאַטאָשו

1.

זעליק, אַן אָפּגעבּרענטער יינגל, איז זיך געגאַנגען אַ באָרוועסער איבערן וואַלד. ראָכל, אַ מיידעלע, אַ פריילעכס, מיט צעפּלאָמטע בעקלעך, מיט די שיך און זאָקן אין די הענט, איז דעם יינגל נאָכ־געגאַנגען.

ווען זיי זיינען אַרויס פון וואַלד, האָבן זיי זיך געזעצט אויפן ברעג טייך און גענומען שווענקען אין דעם דורכזיכטיקן וואַסער זייערע בלאָטיקע פיסלעך.

— ראָכל, ווייסט וואָס עס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך? — האָט זיך זעליג אָנגערופן.

— וואָס ?

— טאָ שווער זיך, אַז דו וועסט קיינעם ניט דערציילן.

— אָסער נישט.

— דו ווייסט, ווען מיר קריגן אַ גענדזן איי, וואָלט דאָס געווען גוט !

— צו וואָס דאַרפסטו אַ גענדזן איי ?

— כ׳וואָלט עס אַריינגעלייגט אין נעסט צו די בושלען, וואָלט אַרויסגעקומען אַ האַלבער בושל און אַ האַלבע גאַנדז.

— און דער בושל וועט דיך צולאָזן ?

— כ׳וועל פאַרטאָג אַריינלייגן, ווען ביידע פליען אַוועק.

זעליק איז אַרויס פון וואַסער.

— גיי שוין אַהיים, ראָכל, און ברענג אַן איי. איצט איז די נעסט ליידיק. גיכער, טו אָן די שיך!

ראָכל האָט אַ פריילעכע אָנגעטאָן די שיך, און די קינדער זיינען שפּרינגענדיק פאַרשוואונדן אין וואַלד.

2.

זעליק איז צו צו דער סטאַדאָלע, וואו די בושלם האָבן געהאַט די נעסט, גענומען פון ראָכלען דאָס איי, עס צוגעהאַלטן מיט די ליפן און לייכט ווי אַ קאָץ גענומען קלעטערן אויף דער גלייכער ליימענער וואַנט. אין דער נעסט זיינען געלעגן דריי גרויסע אייער. זעליק האָט אַרויסגענומען אָן איי, אַריינגעלייגט אָנשטאָט דעם דאָס געגנדזענע און געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן פון דאַך, ווען ביידע בושלם האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן און זיך געטראָגן מיט צעשפּרייטע פליגל גלייך אויף זעליקן.

זעליק האָט זיך איינגעקאָרטשעט, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט, ווי איינער, וואָס וואַרט אויף קלעפּ, און גענומען זיך אַראָפּגליטשן פון דאַך.

3.

די „זי" בושל איז אַ גאַנצן פרימאָרגן נישט אָפּגעטראָטן פון איר נעסט, געקוקט ווי דאָס קליינוואַרג פּיקט זיך פון די אייער.

די „זי" האָט פּלוצלונג אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנעם „קליי־קליי".

דער „ער" האָט זיך צוגעזעצט, צעשפּרייט די פליגל און געזעסן בײַ דער נעסט. ער איז אויף אַ רעגע ווי צעטומלט געוואָרן, געקוקט אויף דער „זי", וועלכע האָט אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט דעם קאָפּ. אַ קליין געגנדזעלע האָט זיך אַרויסגעקייקלט פון דער אויסגעגאָסענער שאָל פון אָן איי.

דער בושל האָט זיך פאַרטרייסלט, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער „זי", געפּליקט מיטן שנאָבל אירע פעדערן. זי האָט נאָך טיפער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך ניט געווערט, ווי זי וואָלט געבעטן:

— שלאָג בעסער!

דער בושל האָט אַ פּיק געטאָן דאָס קליינע געגנדזל מיטן שנאָבל, עס געכאַפּט פאַרן קעפּל און אַ שליידער געטאָן אַראָפּ פון דער סטאַדאָלע. ער האָט גענומען צעוואָרפן מיטן שנאָבל און מיט די לאַפּעס די נעסט. מער זיך נישט אומגעקוקט אויף דער „זי", גע־שטאַנען אַ ווײַלע און אַוועקגעפלויגן.

די „זי״ האָט זיך אויסגעגלייכט, גענומען שאַרפן איר שנאָבל און געטראַכט, אַז זי איז אַ פּאַרלאַרענע, אַז דער „ער״ איז אַוועקגעפלויגן זי פאַרמאַסערן פאַר דער סטאַדע.

4.

זעליק מיט ראָכלען זיינען געזעסן אויף דער פּליט. זיי האָבן דער־זען, ווי אַ מאַכנע בושלם קומען אָן צופליען, לאָזן זיך אַראָפּ אויפן אינדזל, וואָס געפינט זיך אינמיטן טייך.

— דאָס גייען זיי פּראַווען אַ כאַסענע — האָט זעליק געזאָגט און זיך געווענדט צו ראָכלען — קום, מיר וועלן צופאָרן מיטן שיפל.

זיי זיינען אַרום אויפן אינדזל, אַרויסגעשלעפּט דאָס שיפל און זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז.

די בושלם האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן קרייז. אַן עלטער פּאָרל האָט געשפּאַנט אינמיטן קרייז. דער „ער״ איז געקומען צו פליען, געהאַלטן דאָס טויטע גענדזל אין שנאָבל, עס אונטערגע־טראָגן דער עלטערער פאָר — נאַ, זעט!

די עלטערע בושלם האָבן דאָס גענדזל באַטראַכט, באַשמעקט, גע־וואָרפן מיט זייערע לאַנגע העלדזער, געגווידערט אויף זייער שטייגער, און צוויי בושלם זיינען אַוועקגעפלויגן.

באַלד זיינען די בושלם צוריקגעקומען מיט דער „זי״.

די בושלם האָבן אַרומגערינגלט די „זי״. דער „ער״ איז צו דער ערשטער, דערלאַנגט איר אַ פּיק גלייך אין קאָפּ אַריין, און פון אַלע זייטן האָבן זיך אָפּענע שנאָבלען געטראָגן און דער פויגל איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך.

צוויי ברידער

אַמאָל זיינען געווען צוויי ברידער. דער עלטערער האָט ניט געהאַט קיין ווייב, ניט קיין קינדער; דער יינגערער האָט געהאַט אַ ווייב מיט קליינע קינדערלעך. זיי זיינען ביידע געווען אָרעמע ערד־אַרבעטער און האָבן געהאַט נאָר איין שטיקל ערד, וואָס דער פאָטער האָט זיי איבערגעלאָזן אַ ירושה. די ברידער האָבן ניט געוואָלט צעטיילן צווישן זיך די ירושה, ווייל זיי האָבן זיך שטאַרק ליב געהאַט. זיי פלעגן באַאַרבעטן די ערד צוזאַמען און פלעגן דערנאָך צעטיילן זיך מיט דער טוואוּע גלייך אויף גלייך, און יעדער פון זיי פלעגט אַוועקלייגן די טוואוּע לעבן זיין געצעלט.

איינמאָל איז דער עלטערער ברודער, באַלד נאָכן אָפּשניידן די טוואוּע, געלעגן באַנאַכט אויף זיין געלעגער און האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט געטראַכט וועגן זיין ברודער:

— ער האָט אַ פרוי מיט קינדער און דאַרף זיי געבן עסן און מאַכן פאַר זיי אַ קלייד און אַ שוך. אָבער איך בין מיר איין מענטש אויף דער וועלט. וואָס דאַרף איך? אָפּעסן און — גאָר! פאַר וועמען האָב איך צו זאָרגן? היינט ווי אַזוי נעם איך דאָס פון דער טוואוּע אַזאַ כיילעק ווי מיין ברודער? דאָס איז ניט קיין יושער!

און ער איז אויפגעשטאַנען אָרום האַלבער נאַכט פון זיין געלעגער און האָט אין דער שטיל איבערגעלייגט אַ טייל פון זיין טוואוּע צו דעם ברודערס טוואוּע. און ווען ער האָט אָפּגעטאָן זיין אַרבעט, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט און איז גלייך זיס איינגעשלאָפן.

די זעלביקע נאַכט האָט אויך דער יינגערער ברודער ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער איז געלעגן און האָט געטראַכט וועגן זיין עלטערן ברודער:

— אַ ראַכמאָנעס אויף אים. ער איז נעבעך עלנט. איך האָב אַ ווייב מיט קינדערלעך, זאָלן לעבן און געזונט זיין. אויף דער עלטער וועלן מיינע קינדער מיך אויסהאַלטן. אָבער וואָס וועט מיט אים זיין אויף דער עלטער? היינט ווי אַזוי טיילן מיר דאָס די טוואוּע פון פעלד

גלייך אויף גלייך? דאָס איז ניט קיין יושער. ער דאַרף באַקומען אַ גרעסערן כיילעק!

און נאָך גאַנץ פרי, פאַרטאָג, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט שטילערהייט איבערגעלייגט אַ טייל פון זיין טוואוע אין דעם ברודערס קופּע. נאָכדעם האָט ער זיך געלייגט און איז באַלד איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן זעען די ברידער, אַז זייערע קופּעס זיינען ביידע גלייך. האָבן זיי זיך געוואונדערט, נאָר געשוויגן.

די אַנדערע נאַכט האָבן די ברידער געטאָן דאָס זעלביקע, וואָס נעכטן. און אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן זיי דערזען, אַז זייערע קופּעס זיינען ווידער גלייך. האָבן זיי זיך נאָך מער געוואונדערט.

די דריטע נאַכט, ווען די ברידער האָבן איינער צום אַנדערן גע־טראָגן זייער טוואוע, האָבן זיי זיך באַגעגנט אין מיטן וועג. זיי זיינען געפאַלן איינער דעם אַנדערן אויפן האַלדז און מיט טרערן אין די אויגן זיך געקושט און האַלדזן.

[אַגאָדע]

קאַלטע לאָקשן

אַן אָרעמאַן איז אַריינגעקומען צו איינעם, ווען יענער האָט געהאַלטן אין עסן. רופט זיך אָפּ דער באַלעבאָס צום אָרעמאַן:

— עפּשער וועט איר עסן קאַלטע לאָקשן?

— פאַרוואָס ניט? — האָט זיך דער אָרעמאַן אָנגעכאַפּט — איך וועל עסן.

— אויב אַזוי, קומט מאָרגן — האָט דער באַלעבאָס גע־ענטפערט — איצט זיינען נאָך די לאָקשן הייס.

אַ פינגער אין טינט

מוישע שיפּרים ●

איך האָב איבערגעקערט דעם טינטער,
איז געוואָרן אַ פלעק —
האָב איך מיטן פינגער געמאַכט צוויי פיס
און אַ ל-אַ-נ-ג-ן עק —
איז מיר געפעלן.

האָב איך געמאַכט אַ לאַנגן פערדישן קאָפּ
און אויפן האַלדז אַ גלאָק.
נאָר ווי קומט אויף אַ פערד אַ גלאָק?
עפשער גאָר מאַכן אַ באָק,
וועט מיר געפעלן?

האָב איך מיטן פינגער געמאַכט דעם ריכטיקן באָק
מיטן עמעסן בערדל.
נאָר דאָס בערדל האָט זיך ניט געשאָקלט,
און געגלאַנצט ווי אַ שווערדל —
איז מיר גאָר געפעלן.

אויב אַ שווערדל — איז מילכאָמע מיט געווער
און מיט אַרמייען.
און אַז מען לאָזט זיך אין שלאַכט, דאַרף מען
שטורעמען מיט געשרייען —
איז מיר אַוואַדע שוין גאָר געפעלן.

האָב איך געשריען און געפירט די אַרמייען
צו די פּאַלאַצן מיט די רייכע טויערן —
האָט די מאַמע דערהערט און דער טאַטע דערזען
און מיר אָנגעדרייט גוט די אויערן —
איז מיר שוין גאָרניט געפעלן.

אַכאַוו און נאַוואוים

נאַוואוים האָט געהאַט אַ ווייַנגאַרטן לעבן דעם פּאַלאַץ פון דעם קעניג אַכאַוו. האָט דער קעניג אַכאַוו געשיקט נאָך נאַוואויסן און אים אַזוי געזאָגט:

— גיב מיר אַוועק דיין ווייַנגאַרטן. כ'וויל פלאַנצן אַ גרינס-גאַרטן לעבן מיין פּאַלאַץ. איך וועל דיר געבן אַן אַנדער ווייַנגאַרטן אַנשטאָט אים.

האָט נאַוואוים געזאָגט צו אַכאַוון:

— ווי קאָן איך דיר אָפּגעבן די ירושע פון מיינע עלטערן?

איז אַכאַוו געקומען אַהיים בייז און צעטראָגן, האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט און ניט געגעסן קיין שפּייז.

איז געקומען צו אים זיין ווייב איזעוועל און האָט צו אים געזאָגט:

— וואָס ביסטו צעטראָגן און פאַרוואָס עסטו ניט קיין שפּייז?

האָט ער צו איר געזאָגט:

— איך האָב געזאָגט צו נאַוואויסן: גיב מיר דיין ווייַנגאַרטן פאַר געלט; אויב דו ווילסט, וועל איך דיר געבן אַן אַנדער ווייַנגאַרטן אַנשטאָט אים. און ער האָט געזאָגט: איך וועל דיר ניט אָפּגעבן מיין ווייַנגאַרטן.

האָט זיין ווייב איזעוועל צו אים געזאָגט:

— פירסטו איצט די מעלוכע איבער איסראָעל? שטיי אויף, עס שפּייז, און זאָל דיין האַרץ זיין פריילעך. איך וועל דיר געבן דעם ווייַנגאַרטן.

און זי האָט געשריבן בריוו אין אַכאַווס נאָמען צו די עלטסטע פון זיין שטאָט, וואָס האָבן געוואוינט מיט נאַוואויסן. און זי האָט געשריבן אין די בריוו אַזוי:

— זעצט אַוועק נאַוואויסן אויבן־אָן פון פאָלק, און זעצט אַוועק קעגן אים צוויי נידערטרעכטיקע מענטשן, און זאָלן זיי אײדעס זאָגן קעגן אים: „דו האָסט געלעסטערט דעם קעניג.‟ און פירט אים אַרויס און פאַרשטיינט אים, און ער זאָל שטאַרבן.

האָבן די עלטסטע געטאָן, ווי איזעוועל האָט זיי געהייסן, און זיי האָבן געשיקט זאָגן איזעוועלן:

— נאָוואוים איז פאַרשטיינט געוואָרן, און ער איז טויט.

ווי איזעוועל האָט געהערט, אַז נאָוואוים איז פאַרשטיינט געוואָרן און ער איז טויט, אַזוי האָט איזעוועל געזאָגט צו אַכאָוון:

— שטיי אויף, יאַרשן דעם וויינגאָרטן פון נאָוואויסן, וואָס ער האָט דיר ניט געוואָלט געבן פאַר געלט, ווייל נאָוואוים איז טויט.

אַכאָוו איז אַוועק אין וויינגאָרטן. איז געקומען צו אים דער נאָווי עליאָהו און אים אַזוי געזאָגט:

— דערפאַר, וואָס דו ביסט באַגאַנגען אַ מאָרד און געיאַרשנט דעם וויינגאָרטן, וועל איך ברענגען אַן אומגליק אויף דיר און כ׳וועל אויס־ראָטן דיין הויז.

דזשעק

● מאָרים ווינטשעווסקי

דזשעק איז אַ קינד מיט אַ פּאַשעטן קעפּל,
ער וואונדערט זיך: ווי קאָן עס זיין,
אַז פאַר געגאַנוועטע דריי עפּל
זאָל ער גיין אין טורמע אַריין?

דזשעק יענעם טאָג איז אַוועק אַ פאַרקלעמטער.
די מאַמע קוים וואָס זי לעבט,
ווייס דען אַ קינד, צי עס גאַנוועט, צי נעמט עס,
אַ קינד, טראַכט זי, איז יונג און פאַרגרעבט...

אַלץ ביז אַ צייט. דזשעק קומט ענדלעך אַ פרייער,
אַ פרייער פון טורמע צו גיין.
מער ניט, די עפּל זיי קאָסטן אים טייער:
דזשעק קומט אַ יאָסעם אַהיים.

שלאָגן אַ קלענערן טאָר מען ניט

● שאָלעם אַלייכעם

איינמאָל בין איך מיט מענדלען געווען אויף דער סטריט און געשפּילט אין „טשעקערס”. דאָס איז אַ שפּיל מיט קיילעכיקע הילצערנע קנעפּלעך, וואָס מען שיסט מיט זיי. איז אָנגעקומען סאַמע אין רעכטן שפּיל מיין ברודער עליע. האָט ער מיך, נאָך דער אַלטער מאָדע, אָנגעכאַפּט באַם אויער מיט איין האַנט און מיט דער אַנדערער געווען גרייט מיר שענקען אַ פּאָר פֿיינע פּעטש.

וואַקסט אויס אַ „בוי”, אַ „ווערגעלעץ”, ווי פֿון אונטער דער ערד. ער לויפֿט צו צו מיין ברודער און רייסט מיך אַרויס פֿון זיינע הענט. דערנאָך פֿאַרקאַטשעט ער די אַרבל און זאָגט עפּעס צו עליען אויף אַמעריקאַנער לשון. נאָר אַזוי ווי מיין ברודער עליע פֿאַרשטייט נישט קיין ענגליש, נעמט דער ווערגעלעץ און טראָגט אים אונטער אַ צוגעמאַכטן קולאַק גלייך אונטער דער נאָז. קלייבט זיך באַלד צונויף אַ רעדל מיט מענטשן. און מיין ברודער פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַר זיי אויף יידיש, אַז ער קער מיך אָן אַ ברודער, מעג ער דעריבער מיט מיר לערנען דערעכערעץ. זאָגן אָבער די צונויפֿגעלאָפֿענע, אַז אין אַמעריקע גייען נישט אָן די זאַכן. אַ ברודער, נישט אַ ברודער — שלאָגן אַ קלענערן פֿון זיך טאָר מען ניט...

גו, גייט האָט ניט ליב אַזאַ לאַנד!

מיט פֿאַרמאַכטע אויגן

אַ מאַמע האָט געפֿרעגט באַ איר קינד:

— פֿאַרוואָס שטייסטו פֿאַרן שפּיגל מיט פֿאַרמאַכטע אויגן?

האָט דאָס קינד געענטפֿערט:

— איך וויל זען, ווי איך זע אויס, ווען איך שלאָף.

ווינטער

ז. ווייגפער

איינגעוויגט און איינגעשלאָפֿן,
ווי אַ יונגער שיינער צווילינג,
אָטעמט שטיל דער ברוינער זומער
באַ דער זייט פֿון גרינעם פֿרילינג.

ווי אַ באָבע וואַכט דער ווינטער
איבער זייער וויגל —
ווייסע פֿלאַטערדיקע פֿייגל
פֿאָכן מיט די פֿליגל.

פֿאַלן פֿעדערלעך פֿון אויבן,
פֿוכקענקע און ווייסע,
און דער פֿראָסט, אַ קנאַקנדיקער
לייענט זיי אַ מייסע.

מייסע, מייסע, מייסעלע:
פֿייגל, הינט און בערן,
און דער פֿרילינג מיטן זומער
ליגן שטיל און הערן.

כאַנעקע־געלט

● שאָלעם אַלייכעם

1.

— מאָטל, גיי צו, זאָג אים כאַנעקע־געלט.

— וואָס עפּעס איך זאָל זאָגן כאַנעקע־געלט ?

— אַזוי, וואָרים דו ביסט קלענער, באַדאַרפסטו בעטן כאַנעקע־געלט.

— און עפּשער, ווייל דו ביסט עלטער, באַדאַרפסטו גאָר בעטן כאַנעקע־געלט ?

דער טאַטע הערט גאַנץ גוט, אַז מיר רעדן פון כאַנעקע־געלט, נאָר ער מאַכט זיך, ווי ער הערט נישט. שטיל, נישט געכאַפּט, גייט ער צו צום טישקעסטל און ציילט געלט. עס גייט אונדז איבער אַ קליין פּרעסטל איבערן לייב, עס ציטערן די הענט, עס קלאַפּט דאָס האַרץ. מיר קוקן אויף דער סטעליע, קראַצן זיך אונטער דער פּייע, מאַכן זיך קלוימערשט קאַלטבלוטיק, גלייך ווי ניט אונדז מיינט מען.

דער טאַטע טוט אַ הוסט.

— המ... קינדער, קומט נאָר אַהער.

— האַ ? וואָס איז ?

— נאַט אייך כאַנעקע־געלט.

באַקומען אונדזער כאַנעקע־געלט, לאָזן מיר זיך גיין, איך און מיין ברודער מאָטל. פריער פּאַוואָליע, ווי די סטאַטיקעס, און נאָכדעם גיכער און גיכער מיט אַ שפּרונג אונטער און מיט אַ טענצל, און ביז מיר קומען אין אונדזער ביידערל אַריין, קאָנען מיר זיך ניט איינהאַלטן, קוליען זיך איבער דריי מאָל מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף, שפּרינגען אויף איין פוס און זינגען אונטער :

אײנגע־בײנגע,
סטופּע־ציינגע,
אַרצע־באַרצע,
גאָלע־שוואַרצע,

אײמעלע־רײמעלע,
בײגעלע־פֿײגעלע,
האָפּ!

און פּאָר גרױס סימכע גיבן מיר זיך אַלײן צו צװײ פּעטש אין די באַקן.

2.

עס עפֿנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן דער פּעטער בעני.

— כעװורע פֿלעצל, אײַך קומט כאַנעקע־געלט!

דער פּעטער בעני נעמט אַרױס צװײ זילבערנע גילדן און גיט אונדז כאַנעקע־געלט.

קײנער אין דער װעלט װעט ניט זאָגן, אַז דער טאַטע און דער פּעטער בעני זײַנען ברידער. דער טאַטע — אַ הױכער, אַ דאַרער; דער פּעטער בעני — אַ קורצער, אַ גראָבער; דער טאַטע — אַ שװאַרצער; דער פּעטער בעני — אַ געלער; דער טאַטע — אַן אומעטיקער, אַ שװײַגער; דער פּעטער בעני — אַ פֿרײלעכער, אַ רעדנער; טאָג מיט נאַכט, זומער און װינטער — און דאָך אײגענע ברידער.

דער טאַטע נעמט אַ גרױסן בױגן פּאַפּיר, צעװירעט אױף קעסטע־לעך, שװאַרצע און װײַסע, הײסט אַרײַנטראָגן פֿון קיך פּאַסאָליעס, שװאַרצע און װײַסע — דאָס װעט זײַן אַ דאָמינע.

— אײן זאַך װעל איך דיך בעטן, בעני, אַ גאַנג זאָל זײַן אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג — זאָגט דער פּעטער בעני און גײט אַ גאַנג.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג — זאָגט דער טאַטע און שלאָגט אָפּ דעם פּעטער בענים אַ ציגל.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג — זאָגט דער פּעטער בעני און שלאָגט אָפּ דעם טאַטנס צװײ ציגלעך.

װאָס װײַטער־װײַטער לאָזן זײ זיך אַרײַן אין דער שפּיל אַלץ

טיפער, קייען די בערד, טרייסלען מיט די פיס אונטערן טיש און זינגען שטילערהייט ביידע איין לידל.

— אוי, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? — זינגט דער טאַטע און קייט איין עק באָרד — זאָל איך גיין אַהער? וועט ער גיין אַהין. וועל איך גיין אַהין? וועט ער גיין אַהער. באַדאַרף מען בעסער גיין אַזאַ מין גאַנג!

— אַזאַ מין גאַנג, אַזאַ מין גאַנג! — העלפט אים אונטער דער פעטער בעני.

— וואָס זשע באַדאַרף איך מוירע האָבן? — זינגט דער טאַטע ווייטער — טאָמער שלאָגט ער מיר אָפּ יענעם ציגל? וועל איך באַ אים צונעמען צוויי ציגלעך. איי, וואָס? טאָמער מיינט ער מיר שלאָגן דריי ציגלעך?

— דריי ציגלעך, דריי ציגלעך, דריי ציגלעך — העלפט אים אונטער דער פעטער בעני.

— אוי, ביסטו אַ טיפּעש, בעני, אַ טיפּעש און אַ גרויסער! — זינגט דער טאַטע און גייט אַ גאַנג.

— ביסט אַליין אַ טיפּעש, מיין ברודער, און נאָך אַ גרעסערער!

— זינגט דער פּעטער בעני און גייט אַ גאַנג און פאַרכאַפּט זיך באַלד צוריק.

— פע, בעני, מיר האָבן דאָך גערעדט, אַ גאַנג איז אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע שוין אָן אַ ניגון און כאַפּט דעם פּעטער בעני פאַר דער האַנט.

— קאָלזמאָן איך האַלט אין מיטן גאַנג, מעג איך מיר גיין וואוהין איך וויל — זאָגט דער פּעטער בעני.

— ניין! — זאָגט דער טאַטע — אַ גאַנג איז פאַרפאַלן! מיר האָבן דאָך עפּעס געשמועסט, בעני, אָן כאַראַטע!

— כאַראַטע? — זאָגט דער פּעטער בעני — וויפיל מאָל מאַכט זיך, אַז די האָסט כאַראַטע?

— איך? — זאָגט דער טאַטע — ע, בעני, דערפאַר האָב איך דאָך פיינט מיט דיר צו שפּילן אין דאָמינע!

— ווער זשע נויט דיך, זאָלסט מיט מיר שפּילן?

— שוין? מע קריגט זיך שוין איבער אַ פּאַסאָלקעלע? — רופט זיך אָן די מאַמע און קומט אָן פון קיך מיט אַ פאַרפלאַמט פּאָנעם, און נאָך איר — ברײַנע מיט אַ גרויסן פּאָלומעסיק מיט הייסע לאַטקעס

מיט שמאַלץ. פון די לאַטקעס זעצט אַ פּאַרע. אַלע לאָזן זיך צום טיש. איך און מײַן ברודער מאָטל, וואָס האָבן זיך פריער אַ ביסל געקריגט, געריסן ווי די קעץ, בעטן זיך גיך איבער, ווערן שאָלעם און זעצן זיך צו די לאַטקעס.

3.

באַנאַכט אויפן געלעגער ליג איך און טראַכט:

וויפיל קאָן זיך, אַ שטייגער, באַ מיר צונויפקלייבן, אַז אַלע פעטערס מיט אַלע מומעס מיט אַלע קרויווים וועלן מיר געבן כאַנעקע־געלט?

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— וויפיל מיינסטו וועט אונדז געבן דער פעטער מוישע־אַרן כאַנעקע־געלט?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? איך בין דען אַ נאַווי?

אין אַ מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— עמעצער האָט אַזויפיל פעטערס מיט אַזויפיל מומעס, ווי מיר?

— אָדער יאָ, אָדער ניין.

אין צוויי מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ. וואָס איז דען?

— ווי באַלד דו שלאָפסט, היינט ווי אַזוי רעדסטו מיט מיר?

— דו פרעגסט דאָך מיך, מוז איך דיר ענטפערן.

אין דריי מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— טסססס—טררר—כילכילכיל—טסססס...

מאָטל כראָפּעט, כאָרכלט און פייפט מיט דער נאָז.

באַם פענצטער

● יאָסל קאָטלער

איך האָב איין פּאָר שיך,
מיט צען פּאָר לעכער.
זיץ איך באַם פענצטער
און קוק אויף די דעכער.

זע איך אין דרויסן —
אַ שניי פאַלט אַרונטער.
אין הויז דאַרף מען קוילן,
באַהייצן דעם ווינטער.

מיין טאַטע זיצט ליידיק,
ער האָט ניט קיין שטעל.
דער לענדלאָרד שרייט — רענט!
ער שינדט אים די פעל!

הונגעריק בין איך,
עס ווילט זיך אַזש וויינען.
נעם איך אַ ביכל,
איז מיר קאַלט צו לייענען.

אין שמאַטעס די שיך
געטאָן אַ פאַרדריי.
האָב איך אויסגעזוכט אַרבעט
צו שאַרן דעם שניי.

דעם שניי אָפּגעשאַרט,
מיינע שיך האָבן לעכער.
זיץ איך באַם פענצטער
און קוק אויף די דעכער!

אַ קויל שניי

ע. ד׳אַמיטשים

היינט אין דער פרי האָט זיך, בעשאַס דעם אַרויסגיין פון שול, געטראָפן אַ מיעסער צופאַל.

אַ כעוורע ייִנגלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו וואַרפן מיט קוילן שניי. דער שניי האָט שוין געהאַלטן אין צעגיין, און די קוילן זיינען געווען שווער און האַרט ווי שטיין.

אויפן טראָטואַר זיינען געווען אַ סאַך מענטשן. איינער האָט אַ געשריי געטאָן:

— אין דער זייט, קליינוואַרג!

אין דער זעלביקער רגע האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעך געשריי אויף דער צווייטער זייט גאַס, און מיר האָבן דערזען עפּעס אַן אַלטיטשקן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו בויגן. דער קאַפּעליוש איז אים פון קאָפּ אַראָפּגעפאַלן. ער האָט זיך דאָס פּאָנעם פאַרדעקט מיט די הענט, און עפּעס אַ ייִנגל לעבן אים האָט געשריען:

— הילף! הילף!

זיינען זיך מענטשן צונויפגעלאָפן פון פאַרשיידענע זייטן. זיי האָבן דערזען — דעם אַלטן האָט געטראָפן אַ שניי־קויל גלייך אין אויג אַריין.

די ייִנגלעך זיינען זיך צעפלויגן ווי אַ ווינט. איך בין געשטאַנען פאַר דער טיר פון דער בוכהאַנדלונג, וואוהין מיין טאַטע איז אַריינגעגאַנגען, און געזען, ווי פון דאָ און דאָרט זיינען זיך צונויפגעלאָפן עטלעכע פון מיינע כאַווירים און אויך שטיין געבליבן, מאַכנדיק זיך, ווי זיי קוקן אויף דער אויסשטעלונג פון די ביכער.

עס איז צווישן זיי געווען גאַראָן, מיט זיין געוויינטלעכן שטיק ברויט אין קעשענע, קאָרעטי, גאַראָפי און אַנדערע.

דערווייל האָט זיך אַרום דעם אַלטן צונויפגעקליבן אַן עולעם, און אַ מיליציאַנט און נאָך אַנדערע מענטשן זיינען אַרומגעלאָפן אין אַלע זייטן, דראָענדיק און פרעגנדיק:

— ווער האָט דאָס געטאָן? וועלכער פון אייך? דו האָסט גע־

וואָרפן ? זאָג, ווער האָט דאָס געטאָן ? — און זיי האָבן באַקוקט באַ די ייִנגלעך די הענט : ווער האָט נאַסע הענט פון שניי.

גאַראָפי איז געשטאַנען צום נאָענטסטן פון מיר. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער ציטערט, און אַז דאָס פּאָנעם איז באַ אים ווייס ווי קאַלך.

— ווער האָט געוואָרפן ? ווּעלכער פון אײַך ? — שרײַען אַרום אונדז די מענטשן.

און דעמאָלט האָב איך דערהערט, ווי גאַראָן האָט אײַנגערוימט גאַראָפין :

— גיי, זיי זיך מוידע ! עס וואָלט געווען געמיין פון דײַן זײַט, ווען דו וואָלסט דערלאָזט מען זאָל פאַרהאַלטן אַן אַנדערן.

— אָבער איך האָב דאָך ניט אומישנע . . . — האָט גאַראָפי גע-ציטערט, ווי אַ בלאַט אויפן ווינט.

— דאָס איז גאָרניט, טו, וואָס דײַן כּוווּ איז ! — האָט גאַראָן איבערגעכאַזערט.

— אָבער איך האָב דאָך מוירע...

— האָב ניט קיין מוירע ! איך וועל גיין מיט דיר ! איך וועל דיך פאַרענטפערן ! — און אָנכאַפּנדיק זײַן אָרעם, האָט ער אים אַ שטופּ געטאָן פאָרויס.

האָבן דאָס דערזען מענטשן, האָבן זיי פאַרשטאַנען. און עטלעכע פון זיי זײַנען אָנגעלאָפן מיט אויפגעהויבענע פויסטן. גאַראָן אָבער האָט גאַראָפין פאַרשטעלט און געזאָגט :

— וואָס איז ? גאַנצע צען גייט איר אויף איין ייִנגל ?

האָבן זיי זיך באַלד אָפּגעהאַלטן און דער מיליציאַנט האָט אָנ-גענומען גאַראָפין באַ דער האַנט און אים געפירט.

— איך האָב ניט אומישנע — האָט זיך גאַראָפי געבעטן, אַ האַלב-טויטער פון שרעק — איך האָב ניט אומישנע...

צוויי צי דריי מענטשן האָבן אים אַ שרעקלעכן שטופּ געטאָן, שרײַענדיק :

— בעט אַנטשולדיקונג ! — און זיי האָבן אים אומגעוואָרפן.

אין דער רעגע אָבער האָבן אים צוויי שטאַרקע אָרעמס אויפ־געהויבן, און עס האָט זיך דערהערט אַ מענלעך קאָל :

— ניין, מיינע הערן !

דאָס איז געווען אונדזער דירעקטאָר, וואָס האָט אַלץ געזען.

— אַז ער האָט געהאַט מוט זיך מוידע צו זיין — האָט ער ווייטער גערעדט — האָט קיינער ניט קיין רעכט אים צו שטויסן !

אַלע זיינען געבליבן שטיל.

— בעט אַנטשולדיקונג ! — האָט איצט דער דירעקטאָר געזאָגט צו גאַראָפין, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, אַרומנעמענדיק דעם אַלטנס קני.

און דער אַלטער האָט אים אַ גלעט געטאָן איבער די האָר.

דעמאָלט האָבן זיך עטלעכע מיט גערירטע שטימען אָנגערופן :

—גיי, יינגל, אַהיים ! גיי, גיי אַהיים !

אויפן וועג אַהיים האָט מיר דער טאַטע געזאָגט :

— הענריק ! און דו וואָלסט אין אַן ענלעכן פאַל געקאָנט האָבן אַזויפיל מוט צו דערפילן דיין כויוו און זיך מוידע צו זיין אין דער שולד?

— יאָ — האָב איך געענטפערט.

און דער טאַטע האָט געזאָגט :

—גיב זשע מיר, מיין זון, דאָס וואָרט פון אַן אָרנטלעכן און ערנהאַפטן יינגל, אַז דו וועסט אַזוי טאָן !

— כ׳גיב דיר דאָס וואָרט, טאַטע !

צוויי ברידער :
איינער איז מיינער אַ פעטער,
דער אַנדערער ניט.
ווער איז ער?

דער טאַטע.

די מייסע פֿונעם נעגערל און שלעגערל

● ז. ווײַנפער

אַזוי-אָ לייענט זיך די מייסע
פֿונעם נעגערל און שלעגערל.
די הויט פֿון שלעגערל — אַ ווייסע
און אַ שוואַרצע בײַ דעם נעגערל.

אַמאָל איז געווען אַ נעגערל
מיט צוויי טרויעריקע אויגן.
אַמאָל איז געווען אַ שלעגערל
מיט אַ שאַרפֿן עלנבויגן.

האָט ליב געהאַט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפֿן עלנבויגן
אַ שטורכע טאָן דאָס נעגערל
אין די גרויסע, שוואַרצע אויגן.

וואָס זשע האָט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפֿן עלנבויגן
געהאַט צום גוטן נעגערל
מיט די טרויעריקע אויגן?

גאָרניט האָט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפֿן עלנבויגן
געהאַט צום גוטן נעגערל
מיט די טרויעריקע אויגן.

די הויט פֿון שלעגערל — אַ ווייסע
און אַ שוואַרצע באַ דעם נעגערל —
אַ טרויעריקע איז די מייסע
פֿונעם נעגערל און שלעגערל.



שמעלקע יעגער

• נאָכעם שמיגעלסקי

אויפן וועג צווישן קאַסרילעווקע און ניו־יאָרק פונקט אַנטקעגן דער לעוואַנע, איז געשטאַנען אַ קרעטשמע פון זיבן שטאָק. אויפן אַכטן שטאָק האָט געוואוינט אַן אַלטיטשקער, וואָס איז נאָך קיין דריי יאָר ניט אַלט געווען.

דער אַלטיטשקער איז געווען אַן אַלמען און זיין ווייב אַן — אַלמאָנע. ביידע זיינען זיי געווען קינדערלאָזע און געהאַט אַן אייניקל מיטן נאָמען שמעלקע ליגנסטרעגער.

איינמאָל באַשליסט שמעלקע ליגנסטרעגער צו ווערן אַ יעגער.

פרעגלט ער אויס לאַטקעס פון שניי און באַוואָפנט זיך מיט פייל און בויגן. די פייל האָט ער געבאָרגט באַ אַ שלאָסער, וואָס איז געשטאַנען און געפיילט, און דעם בויגן פאַפיר האָט ער געקויפט אין אַן אייזן־געשעפט. אויפן פאַפיר האָט ער אָנגעצייכנט אַ ביקס מיט אַ רעוואָלווער און זיך געלאָזט אין וועג אריין.

קומט ער אין אַ גרויסן, וויסטן מידבער. גייט ער אַ טאָג, גייט ער צוויי, גייט ער דריי און זעט ניט קיין שטיקל יאַבאַשע פאַר די אויגן: בלויז הימל, וואַסער און — קעפּלעך קרויט.

ערשט אויפן פערטן יאָר באַמערקט ער פון דער ווייטנס אַ כייע אויף 3 פיס. פאַרשטייט ער, אַז דאָס איז אַן — אינדיק. כאַפּט ער אַרויס די ביקס, שטעלט אַן דעם רעוואָלווער, לייגט אריין קוילן אין פייערטאָפּ און שיסט אויס מיט . . . אַ געלעכטער. טרעפט ער פונקט דעם וואָלף אין לינקן פליגל. טוט זיך דער לייב אַ צאַפּל און דער פיפערנאָטער פאַלט אַ טויטער. גייט דער יעגער שמעלקע צו צום טויטן הירש, שניידט אָפּ די הערנער פון אייזל, האַקט אָפּ די קאַפּיטעס פון שלאַנג, און ציט אַראָפּ די פעל פון דער גאַנדז.

מיטאַמאָל טוט זיך אַ פּראַל אויף די טיר און עס לויפן אריין דורכן פאַרמאַכטן פענצטער פינף באַוואָפנטע באַנדיטן: איינער אָן אַ קאָפּ, איינער אָן הענט און דריי אָן פיס.

קויב וואָס שמעלקען איז געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון זייערע הענט און אַנטלויפן.

האָבן די באַנדיטן, וואָס זיינען געווען אָן פּיס, גענומען אים נאָכיאָגן.

שפּאַנט ער איין אַ שליטן און נעמט פאָרן שנעל אויפן וואַסער. וואָס האָבן געטאָן די באַנדיטן אָן פּיס? זיי האָבן אָנגעטאָן גליטשערס אויף די שיך און — הײַדאַ — גלייך נאָך אים.

זעט דער יעגער אַז ס׳איז שלעכט, פאַרקאַשערט ער די אַרבל און גיט אַ זופּ — שלינגט ער איין דעם גאַנצן יאַם. בלייבן שטיין אַלע שיפן אויפן מאַרק און קענען זיך נישט רירן פון אָרט.

ווערט אַ טומל, אַ געוואַלט: מען קען ניט פאָרן קיין אַמעריקע! ווייל מען דעם יעגער דערטרינקען אין — אַ לעפל וואַסער, פאַר־באַהאַלט ער זיך אין מיטן טייך צווישן די כוואַליעס.

זיצנדיק אַזוי אין באַהעלטעניש — האָט ער ניט ווילנדיק אָנגע־טראָטן אויפן שפּיץ פינגער פון אַ פּוס באַ אַ פליג.

ווערט אויף אים די פליג בייז. עפּנט זי אַ מויל גרויס ווי אַ ריז און — האַם, האַם! — זי האָט אים איינגעשלונגען. זעט ער באַ איר אין מאָגן גרויסע גאַסן און הייזער, הויכע מויערן — וואָלקנקראַצערס. גייט ער שפּאַצירן איבער די גאַסן. געפינט ער אַ זאַק. אַ פול אָנגע־פּאַקטן זאַק. נעמט ער אים אויפן קאַרק, זעצט זיך אַריין אין טראַמוויי און פאָרט אַוועק אַהיים.

טראַכט ער, דער יעגער שמעלקע ליגנסטרעגער: וואָס קאָן דאָ זיין אינעווייניק? אָדער דימענטן־בריליאַנטן אָדער — מאַצע־פאַרפעלעך.

און אַז זיין זיידע־באָבע די קינדערלאָזע האָבן געעפנט דעם זאַק, האָבן פון דאָרטן אָנגעהויבן פאַלן ליגנס. צווישן זיי איז אויך אַרויס־געפאַלן אָט דאָס מייסעלע, וואָס כ׳דערצייל דאָ.

אַ ליגן אַהין, אַ ליגן אַהער,
וואָס צו דערציילן — ניטאָ שוין מער . . .

דאָס פערד און דער קעמל

● נאָכעם יוד

פון קעמל האָט אַמאָל דאָס פערד
געלאַכט:
— באַטראַכט,
צי קאָן מען נאָך געפינען אויף דער ערד
באַשעפעניש העסלעכער פון דיר?
אַ פעל
פאַרמאָגסטו, וועלכע איז
פון גאָר אַן אומבאַשטימטער קאָליר,
ניט טונקל און ניט העל.
דערצו נאָך ביסטו אויך
גאָר אומגעלומפּערט הויך;
האָסט דינע פיס,
אַ מיעסן און קורצן עק;
און טאָמער איז נאָך קאַרג,
פאַרמאָגסטו אויך דערצו
אַ הויקער ווי אַ באַרג.
און וואו?
נאָך אויפן רעכטן מיטן רוקן!
איך זאָג דיר, ס'איז אַ כאַרפּע און אַ שרעק
אויף דיר צו קוקן!
— ס'ווייזט אויס פון דיינע רייד, מיין ליב פערד,
אַז דו ביסט גאָר אַ נאַר —
האָט אים דער קעמל מיט פאַרדרוס דערקלערט —
איך מיין,
אַז יעדער איז באַשאַפן לויט זיין מאָס,
און יעדער איז דעריבער פאַר זיך שיין.
פאַרקערט,

מײַן הױקער איז מיר ליב דערפֿאַר,
װאָס כ'װער פֿון אים געשפּײַזט צו זאַט
אַ לאַנגע צײַט,
װען איך בין אין דער װיסטעניש, פֿון גראָז
און װאַסער װײַט.
און װען איך װאָלט, װי דו, געהאַט
אַ שײן געשטאַלט,
װאָלט איך געװיס
דאָרט אױסגעצױגן באַלד
די פֿיס...



מיר גייען אין די מואווים

• שאָלעם אַלייכעם

1.

מיר זיינען נאָר-וואָס צוגעגאַנגען צו דער קאַסע קויפן טיקעטס, דערהערן מיר אַ קאָל:

— האַו דו יו דו, מעקס? האַו אַר יו, מייק?

דאָס איז געווען מאָטל דער גרויסער, וואָס זיין נאָמען איז שוין נישט מאָטל נאָר מעקס.

— קויפט נישט קיין טיקעטס — זאָגט אונדז מעקס — איך „טריט" אייך היינט מיט טיקעטס... דאָס הייסט, ער נעמט אונדז אויף זיינע הויצאָעס. און ער ציט אַרויס פון קעשענע אַ האַלבן טאָלער און טוט אים אַ וואָרף דער מיידל, וואָס זיצט באַם פענצטערל, און הייסט זיך געבן דריי טיקעטס „אַפּסטערז", דאָס הייסט פון אויבן אויף דער גאַלערייע.

— ווער איז דער שלימאַזל? — פרעגט עליע בא אונדז.

דערציילן מיר אים, ווער דאָס איז. באַטראַכט אים עליע פון אויבן ביז אַראָפּ און פרעגט אים, פאַרוואָס גיט ער אים נישט אָפּ קיין שאָלעם-אַלייכעם?

— צי דו ביסט שוין געוואָרן אַזוי גרויס אין אַמעריקע, אַז עס שטייט דיר שוין נישט אָן צו רעדן אַ יידיש וואָרט?...

ענטפערט אים נישט מאָטל דער גרויסער, דאָס הייסט מעקס, קיין וואָרט אַפילו. נאָר עס דערהערט זיך אַ קוויטש פון דער דרויסן-טיר, ווי עמיצער וואָלט אַריינגערעדט פון דער סטריט:

— אידיאָט!

מיר אַלע דרייען אויס די פּנעמער צו דער טיר און מיר זעען קיינעם נישט. מיר באַטראַכטן זיך איינס דאָס אַנדערע פאַרוואונדערט. טוט זיך אַ וואָרף צו דער טיר פריער עליע, און נאָך אים פּיני — נישטאָ קיינער בא דער טיר. זיי קוקן אויף דער סטעליע, זיי באַזוכן אַלע ווינקעלעך — נישטאָ קיין נעפעש. ווער קאָן דאָס זיין? דער

כעוורעמאַן מאָטל, וואָס הייסט שוין מעקס, נעמט אונדז, מיך און מיין כאַווער מענדל אָדער מייק, פאַר די הענט, און אַלע דריי קלעטערן מיר אַרויף „אַפּסטערז”. דאָרטן זאָגט ער אונדז אוים דעם סאָד, אַז דאָס האָט ער, מעקס, דורכן בויך אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „אידיאָט”. און ער כאַזערט דאָס איבער גייענדיק נאָכאַמאָל. און עס פאַלט אָן אויף אונדז ביידן אַזאַ געלעכטער, אַז קוים וואָס מיר קאָנען דערנאָך איינזיצן און זען די קונצן פון טשאַרלי טשאַפּלין.

2.

זינט איר לעבט האָט איר נאָך אַזאַ פאַרשלעפּטע קרענק ניט געזען, ווי מאָטל דער גרויסער, אָדער מעקס. דאַכט זיך, מע באַדאַרף ניט האָבן קיין גרעסערן קונצנמאַכער, ווי טשאַרלי טשאַפּלין. מאַכט אים נאָך מעקס מיט אַלע פּיטשעווקעס.

אַרויסגייענדיק פון טעאַטער, איז זיך מעיאַשעוו מעקס און קלעפּט זיך אָן אַ פּאָר קורצע שוואַרצע וואָנצעלעך, ווי בא טשאַרלי טשאַפּלין. דאָס קאַפּעליושל האָט ער אָנגערוקט, ווי טשאַרלי טשאַפּלין. די פיס אויסגעדרייט, ווי טשאַרלי טשאַפּלין. און דאָס גענגעלע מיטן דרייען פונעם הינטן, מיטן מאַכן פונעם שטעקעלע — צוויי טראָפּן וואַסער טשאַרלי טשאַפּלין!

מיין כאַווער מענדל, אָדער מייק, האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן. ער האָט אים אַרומגעכאַפּט קושן. און אַלע מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען באַם טעאַטער אין דרויסן, האָבן אונדז נאָכגעטייט מיט די פינגער:

— אָן גייט דער צווייטער טשאַרלי טשאַפּלין...

איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז אַפילע אַזאַ ערנסטער מאַן, ווי מיין ברודער עליע, האָט זיך געהאַלטן באַ די זייטן לאַכנדיק. מיין ברודער עליע האָט אָבער ניט לאַנג געלאַכט. אין איין מינוט איז אים פאַרשטערט געוואָרן דאָס געלעכטער. וואָס איז די מייסע? די מייסע איז, וואָס פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קאָל, ווי פון אונטער דער ערד אַרוים, עפּעס ווי פון אַ קעלער:

— אי־די־יאָט!

3.

און אַלע האָבן זיך אָנגעבויגן, אַריינגעקוקט אין קעלער אַריין, וועלכן מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען. אַלע האָבן מיר זיך איינגעהערט. מעקס האָט זיך אויך איינגעהערט גלייך מיט אַלעמען, גלייך ווי ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן... און פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קאָל, שוין ניט פון אונטן, נאָר פון אויבן, עפּעס ווי פונעם דאַך אַראָפּ:

— אי־די־יאָט!

פריער עליע און דערנאָך אַלע האָבן פאַרריסן די קעפּ אַרויף, אויפן דאַך. מעקס האָט אויך געקוקט אַרויף. און דאָס האָט געהאַט דעם זיבעטן כיין. איך און מיין כאַווער מייק, וואָס האָבן געוואוסט, פון וואַנען די קוילעס גייען, האָבן זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָבן מיטאַמאָל אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

4.

דאָס האָט שוין מיין ברודער עליען פאַרדראָסן. ווען דאָס זאָל ניט זיין אין ניו־יאָרק אויף דער סטריט, וואָלט מיר שוין אַריינגע־פלויגן אַ פּאָר פיינע פּעטש אין ביידע באַקן. מיינע אויערן וואָלטן זיך אויך ניט געגאַרט. נאָר אַזוי ווי דאָס איז געווען אין מיטן ניו־יאָרק אויף דער סטריט, האָט זיך עליע באַנוגנט נאָר דערמיט, וואָס ער האָט אונדז ביידן גוט אָנגעשאָלטן, מיך און מיין כאַווער מייק. און נאָכדעם האָט ער אונדז אָנגעוויזן אויף מאָטל דעם גרויסן, דאָס הייסט — אויף מעקסן.

— נעמט אייך אַראָפּ אַ מוסער — האָט אונדז עליע געזייפצט די פענעמער — לערנט זיך פון אייערם אַ כאַווער... אַ באָכערל גלייך מיט אייך, פאַרוואָס לאַכט ער ניט אַזוי ווי איר?

— אידיאָט! — האָט זיך דערהערט ווידעראַמאָל הינטער עליעס פּלייצעס. עליע האָט זיך אויסגעדרייט צוריק. אויף אים קוקנדיק, האָט זיך אויסגעדרייט אונדזער כאַווער פּיני. און מיר אַלע נאָך אים. און מעקס האָט זיך אויך געגעבן אַ דריי אוים צוריק. איך און מייק זיינען שיר ניט צעזעצט געוואָרן פאַר געלעכטער.

.5

— אין אַמעריקע רעדן די שטיינער... — אַזוי האָט זיך אויס־געדריקט אונדזער כאַוועך פּיני. ער וואָלט נאָר אַ באַלן געוועזן וויסן, וועמען רופט מען דאָס „אידיאָט”? רופט זיך אָן מיין ברודער עליע:

— ווער עס פרעגט, דער איז עס...

ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, אַז פון אונטער דער ערד האָט זיך פלוצים דערהערט אַ פּאַרטומפּטע קאָל:

— איר האָט אַ טאָעס, רעב עליע! ווייל דאָס זייט איר אַליין טאַקע דער אי־די־יאָט!...

פון דעמאָלט אָן גייט שוין מער ניט מיין ברודער עליע אין די „מואווינג פּיקטשורס” און וויל ניט הערן פון טשאַרלי טשאַפּלין.

מאַזלדיקער האָז

● י. גויכבערג

מאַזלדיקער האָז,
מאַזלדיקער האָז,
פאַלסט ניט אויפן סייכל,
פאַלסטו אויף דער נאָז.

טוסטו אויס זיך באָרוועס,
טרעטסטו אָן אויף גלאָז,
גייסטו רייסן עפּל,
פּאַטשט דער באַלעבאָס.

שרייבסטו אָן אַ בלעטל,
גיסטו אויס די טינט,
גייסט אין גאַס זיך שפּילן,
בייסן דיך די הינט.

שפּילסטו אין מילכאָמע,
טרעפט עס דיך אַליין,
כאַפּסטו אין די זייטן
באַלד דעם ערשטן שטיין.

גייסט זיך זומער באָדן,
טרינקסטו זיך אין טייך,
גייסט זיך ווינטער גליטשן,
טוסטו פאַלן גלייך.

גוטע כאַווירים

● ל. טאָלסטאָי

איין מאָל האָב איך מיט מיינעם אַ כאַוועת שפּאַצירט אין וואַלד. מיר זיינען זיך אַזוי געגאַנגען און געשמועסט. פּלוצלונג לאָזט מיין כאַוועת אַרויס אַ געשריי.

איך טו אַ קוק — ערשט ניט ווייט פון אונדז האָט זיך צווישן די קוסטעס באַוויזן אַ גרויסער געל-גרויער קאָפּ פון אַ וואָלף. „אָט טוט ער זיך אויף אונדז אַ וואָרף" — האָבן מיר געטראַכט. אָבער דער גרויער קאָפּ איז געבליבן שטיין פון ווייטנס, און איך האָב באַמערקט, אַז זיין קוק איז געווען ניט קיין בייזער, נאָר עפּעס אַ דערשראָקענער און אַ מידער.

— ער טשעפּעט ניט! — האָט געזאָגט מיין כאַוועת — ער איז, קענטיק, זאַט, ער שטשירעט ניט די ציין... אוי, זע! — רופט ער פּלוצלונג אויס — ער האָט דאָך גאָר קיין ציינער ניט. אַ מויל, אָן איין צאָן!...

איך האָב זיך אַ ביסל איינגעבויגן און דערזען, אַז דער וואָלף האָט טאַקע ניט קיין איין צאָן אין מויל.

— אַהאַ, איצט פאַרשטיי איך שוין פאַרוואָס ער איז אַזוי רואיק — האָב איך געזאָגט.

דער וואָלף האָט אויף אונדז נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן מיט זיינע צעשראָקענע אויגן, און זעענדיק, אַז מיר טשעפּען אים ניט, איז ער אַוועק ווייטער. איך האָב באַמערקט, אַז ער הינקט אַ ביסל אונטער און שלעפּט קוים די פיס.

— פון וואַנען לעבט ער? — האָב איך זיך געטראַכט — מיט וואָס דערנערט ער זיך? אָן ציין קאָן ער דאָך דאָס קלענסטע ביינעלע ניט אָנכאַפּן.

מיר זיינען אַוועק ווייטער. דער וואַלד-וועכטער האָט אונדז דערזען און פאַרבעטן צו זיך איןביידל. מיר האָבן אים דערציילט וועגן אונדזער באַגעגעניש מיטן וואָלף.

— אַך, דער אַלטער וואָלף! יאָ, איך קען אים. ער איז שוין גאָר-

גאָר אַן אַלטיטשקער. ער וואָלט שוין לאַנג ניט געלעבט, ווען די כאַווײרים וואָלטן אים ניט געהאָלפן.

— וועלכע כאַווײרים? — האָבן מיר אויסגעשריען אין איין קאָל.

— זיינע אייגענע ברידער — די וועלף. איר קוקט ניט, וואָס דאָס זיינען בייזע כייעס. איינער צום אַנדערן זיינען זיי גוט. אָט לעמאָשל דער אַלטער וואָלף. ער האָט דאָך שוין גאָר קיין קויעך נישט. ס'איז אים שוין לאַנג צייט צו שטאַרבן. און זיי האָבן אויף אים ראַכמאָנעס און ברענגען אים עסן. איך האָב אַמאָל אַליין געזען...

איינמאָל ליג איך אַזוי אין וואַלד, ערשט איך זע — ניט ווייט פון מיר ליגט דער זעלביקער אַלטער וואָלף. זיין קאָפּ איז אַזוי גרוי, ווי בא אַן אַלטן מענטשן. די אויגן — אַזעלכע ראַכמאָנעסדיקע. און לעבן אים שטייט אַ יונגער שטאַרקער וואָלף. ער האָט געבראַכט עטלעכע קליינע מוילוואָרפן און אַוועקגעלייגט זיי לעבן אַלטן. אַליין עסט ער ניט, נאָר ער שטייט און קוקט אויפן אַלטן, גלייך ווי ער זאָגט אים: „עס, זיידעניו!" און דערביי זיינען זיינע אויגן ניט קיין בייזע, ניט ווי בעשאַס ער קוקט אויף אונדז.

און דער אַלטער שטייט און קוקט אויף אים נאָך ראַכמאָנעס־דיקער, נאָך פריינטלעכער. ער וויל עסן, נאָר ער קאָן ניט אָפּבייסן.

— וואָס זשע האָט געטאָן דער יונגער? ער האָט גענומען און צעריסן די כייעלעך אויף שטיקלעך און דערלאַנגט דעם אַלטן, פונקט ווי די וועלפּעכע דערלאַנגט עסן אירע וועלפּעלעך. איך בין געבליבן שטאַרק פאַרוואונדערט; איך האָב זיך אָבער קיין ריר ניט געטאָן, ביז וואַנען דער אַלטער האָט אויפגעגעסן דאָס פלייש און דער יונגער איז אַוועקגעגאַנגען.

דער קוואַרטעט

● מ. ריוועסמאַן

אַ שטיפערקע אַ מאַלפּע,
וויזט אויס, נאָך ניט קיין אַלטע,
אַן אייזל, אַ באָק
און אַ געזונטן בער
האָט אין אַ שיינעם טאָג
פאַרגלוסט זיך געבן אַ קאָנצערט...
זיי האָבן אויסגעזוכט
נאָטן, אַ באַס, אַן אַלט, צוויי פידלעך
און טאַקע באַלד גענומען שפּילן לידלעך...
זיי אַרבעטן אויף אַלע קיילים,
נאָר ס'איז איין צאָרע:
ס'טויג דער קאָנצערט אויף אַ קאַפּאָרע...
— האַלט, כעוורע, האַלט! —
שרייט די מאַלפּע מיט אַ געוואַלט,
— איך הער, אַז אונדזער שפּילן, ברידער,
גייט קידער-ווידער.
שטייט! איך געפין,
אַז אונדזער זיצן איז ניט לויטן דין.
נו, בערל! הייבט זיך אויף, זייט מויכל,
ווייל לויטן סייכל
איז קלאָר, פּונקט ווי דער טאָג,
אַז איר דאַרפט זעצן זיך אַנטקעגן באָק.
אויך איך וועל אָן אַן איבעריק וואָרט
מיט מאַזל בייטן גלייך מיין אָרט...
און דעמאָלט — מיר שווין אַזאַ יאָר,
וואָס וועט באַ אונדז זיין פאַר אַ כאָר!...
עס וועלן אַלע קוועלן
און נאָז און אויערן אויפשטעלן.
מען זעצט זיך איבער און מען פּויקט מיט קויעך,

נאָר ס'האָט אַלץ ניט קיין טאַם און ניט קיין רייעד.
— וואַרט, כעוורע! — גיט צו זיי
דער אייזל אַ געשריי:
אונדזער קאָנצערט וועט אַוועק איינס און צוויי,
אויב מיר וועלן זיך זעצן אין איין ריי.
אַ סאַך, אַן עק —
מען זעצט מיט דערעכערעץ זיך אַוועק.
נאָר ווידער די זעלבע צאָרע,
ס'טויג דער קאָנצערט אויף אַ קאַפּאָרע.
מען הייבט זיך ווידער אָן צו קליגן,
וועגן ערטער זיך צו קריגן.
מען זעצט זיך באַלד אַהין און באַלד אַהער,
נאָר דער קאָנצערט גייט אַלץ צו שווער.
און מיטאַמאָל דערזעען זיי
אַ סאָלאָוויי...
— זע, גוטער ברודער, זאָג,
וואָס איז מיט אונדז דאָ פאַר אַ קלאָג?
קלעזמער האָבן מיר און נאָטן,
נאָר דער קאָנצערט איז פאָרט ניט געראָטן.
מיר סטאַרען זיך, מיר שוויצן,
גיב אַן אייצע, ברודער, ווי מיר זאָלן זיצן?...
דער סאָלאָוויי קוועטשט מיט דער פּלייצע
און מאַכט אַזוי:
— צו זיין אַ מוזיקאַנט
באַדאַרף מען האָבן
עמעסן טאַלאַנט
און איך אַן אויער ניט קיין גראָבן...
איר אָבער זעצט זיך וואו איר ווילט,
פון היינט ביז מאָרגן שפּילט,
זאָג איך אייך שוין פאָרויס,
אַז ס'וועט קיין רעכטס פון אייער שפּילן ניט אַרויס...

די צעטיילונג

אין דעם ווייטן מיזרעך האָט אין די אַלטע צייטן געלעבט אַן אַראַבער, וועלכן מ׳האָט געקענט אין דער גאַנצער געגנט אַרום.

דער מאַן האָט ניט געהאַט קיין גאָלד, קיין זילבער און קיין הייזער. ער האָט נאָר געהאַט זיבעצן פערד.

גיך ווי דער ווינט, פלינק ווי די הירשן און צאַרט ווי די טויבן זיינען די אַלע פּראַכטפולע פערד געווען. זייער באַלעבאָס האָט זיי ליב געהאַט פונקט ווי זיינע אייגענע זין. קיין איין פערד וואָלט ער ניט פאַרקויפט — ניין, אַפילו נישט פאַר די רייכטימער פון פרינצן אָדער קעניגן.

אַז ס׳איז אָנגעקומען די צייט, ווען דער אַראַבער האָט געהאַלטן באַם שטאַרבן, האָט ער צוזאַמענגערופן זיינע דריי זין, קעדיי צו צעטיילן זיין רייכטום צווישן זיי.

דעם עלטסטן זון האָט ער געגעבן אַ העלפט פון זיינע פערד, דעם צווייטן זון — איין דריטל און דעם יינגסטן — איין ניינטל.

דער אַראַבער איז געשטאָרבן.

ווען די טרויער-טעג האָבן זיך פאַרענדיקט, האָבן די זין געוואָלט זיך צעטיילן מיט די פערד אַזוי, ווי דער פאָטער האָט געהייסן. דאָ האָבן זיי אָבער געהאַט גרויסע שוועריקייטן.

— ווי אַזוי קאָן איך נעמען אַ העלפט פון זיבעצן? — האָט דער עלטסטער זון געפרעגט — אַ לעבעדיק פערד קאָן מען דאָך נישט צעשניידן אין צווייען.

— און ווי קאָן איך — האָט דער צווייטער זון געזאָגט — האָבן איין דריטל פון זיבעצן פערד? אַזוי אָבער איז דאָך געווען מיין פאָטערס ווילן.

— מיין פאָטערס ווערטער וועל איך טייער האַלטן — האָט דער יינגסטער זון געזאָגט — אָבער איין ניינטל פון זיבעצן פערד וועט דאָך מיינען, אַז כ׳וועל קריגן בלויז איין פערד.

— איך זע אַ גרייז-גרויען מאַן פאַרבייררייטן — האָט דער עלטסטער זון געזאָגט — זאָל ער זיין אונדזער ריכטער.

זיי האָבן דעם אַלטן אַלץ דערציילט. ער האָט לאַנג און פאַר־זיכטיק געטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

— איך בעט אייך, נעמט אָן מיין אָרעמע שקאַפע און זאָל זי צוגערעכנט ווערן צו די זיבעצן פערד.

דאָס איז געטאָן געוואָרן און אַכצן פערד זיינען געשטאַנען פאַרן ריכטער.

— דער עלטסטער זון מעג איצט נעמען אַ העלפט פון די פערד — האָט דער גרייז געזאָגט.

דער עלטסטער זון האָט אַוועקגעפירט ניין פערד.

— זאָל דער צווייטער זון נעמען פאַר זיך אַ דריטל — האָט דער קלוגער מאַן פאָרגעזעצט.

דער צווייטער זון האָט צוגערופן זעקס פערד צו זיין זייט.

— איין ניינטל איז דער קלענסטער טייל פאַרן יינגסטן זון און דעריבער דאַרף ער קריגן צוויי, ווייל אַזוי מישפּעט איך — האָט ווידער דער קלוגער גרייז געזאָגט.

— איר האָט גוט געמישפּעט! — האָבן אַלע זין געזאָגט.

— און איצט זאָגט אונדז אייער באַלוינונג.

— איך וועל זיך נעמען די פערד, וואָס זיינען געבליבן — האָט דער גרייז געזאָגט מיט אַ שמייכל און ער איז אַוועקגעריטן מיט נישט מער און נישט ווייניקער, ווי מיט זיין אייגענער שקאַפע.

[אַראַביש מייסעלע — פון ענגליש: **א. לייב.**]

ווייל אַ באָבע איז אַזוי

● שנייער וואַסערמאַן

די באָבע קרעכצט. ווען קרעכצט זי נישט?
היינט — ווייל ס׳טוט איר ווי דער קריזש.

נעכטן האָט זי געקרעכצט פאַר דאָס,
ווייל איך האָב זיך צעקלאַפּט די נאָז.

און פעלט איר היינט אַ ביסל זאָרגן,
באָרגט זי אויס אַ קרעכץ פון מאָרגן...

מערסטנס קרעכצט זי איבער מיר:
— אוי, ווי האַלט מען אויס פון דיר?

— ס׳איז נישט קיין קינד, נאָר אַ שעד!
און אין דער פרי — איך ליג אין בעט,

קושט זי מיך, גלעט זי מיך,
און גיט אַ קרעכץ, אַזוי, אין זיך...

קום איך פון דער שול צו גיין,
איז — מיר זאָל זיין פאַר דיין געביין.

נאָר ווייל איך זיך צעזינגען הויך,
קרעכצט זי ווידער: — ער שפּאַלט דעם מויער!

קרעכצט די באָבע באַ יעדער זאַך:
פאַרוואָס איך וויין, פאַרוואָס איך לאַך.

פאַרוואָס איך טאַנץ, פאַרוואָס איך לויף,
פאַרוואָס איך שטיי גאַנץ פרי נישט אויף.

און גלאַט אַ קרעכצל: — וויי און אוי —
ווייל אַ באָבע איז אַזוי...

דער הייפיש

● ל. טאָלסטאָי

אויף אַ שיף האָט זיך אַמאָל געטראָפן אַן אומגליק. אַ קליין מיידעלע האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דעם ראַנד פון שיף און איז אַריינגעפאַלן אין יאַם אַריין.

איין מאַטראָס האָט דערזען, ווי דאָס מיידעלע איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער. האָט ער זיך געוואָרפן עס ראַטעווען, און אים האָט זיך איינגעגעבן עס צו געפינען.

דערווייל איז די שיף אָפּגעשוואומען אַ רעכט שטיק, ווייל מען האָט זי מיטאַמאָל ניט געקאָנט אָפּשטעלן. דער מאַטראָס האָט גע־דאַרפט דאָס גאַנצע שטיק שווימען.

ער איז שוין געווען ניט ווייט פון דער שיף. פּלוצלונג האָט עמיצער פון שיף אַ געשריי געטאָן: — אַ הייפיש!

אַ גרויסער שרעקלעכער הייפיש האָט זיך טאַקע באַוויזן פון די כוואַליעס און האָט זיך מיט אַן אָפן מויל אַ לאָז געטאָן צום מאַטראַס. אויף דער שיף זיינען אַלע פאַרשטיינערט געוואָרן פאַר שרעק. דער מאַטראַס און דאָס מיידעלע זיינען געווען אין דער גרעסטער סאַקאָנע.

נאָר אין דער זעלביקער רעגע, ווען דער הייפיש איז שוין גרייט געווען אָנצוכאַפּן דעם מאַטראַס, האָט ווי אַ וואונדער געטראָפן:

דער הייפיש האָט פּלוצלונג אַ ציטער געטאָן, זיך איבערגעקערט מיטן בויך אַרויף און דאָס וואַסער אַרום האָט זיך באַפאַרבט מיט בלוט. עמיצער האָט דעם פיש פאַרוואונדעט.

— אַ, דאָס איז אונדזער קליינער מאַטראָס! — האָבן אַלע אויף דער שיף אויסגעשריען.

און אין דער עמעסן איז דאָס געווען אַ יינגל, דער זון פון דעם מאַטראָס, וועלכער האָט זיך געוואָרפן ראַטעווען דאָס מיידעלע. זעענדיק, אַז זיין טאַטע איז אין אַ סאַקאָנע, איז דער יינגל אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, צוגעשוואומען צום הייפיש און האָט אים אַריינגעשטאָכן אין בויך אַריין אַ שאַרפע שפּיז.

דער פאַרוואונדעטער הייפיש האָט איצט צורו געלאָזן דעם טאַטן און זיך אַ וואָרף געטאָן צום יינגל. דער יינגל האָט זיך געלאָזט שווימען. אָבער ניט צו דער שיף, נאָר אַוועק פון דער שיף. אַלע האָבן צו אים געשריען:

— צוריק! צוריק!

נאָר ער האָט קיינעם ניט געהערט און געטאָן דאָס זייניקע — געשוואומען אַלץ ווייטער פון דער שיף. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק ערשט דאַן, ווען זיין טאַטע איז שוין געווען אויפן דעק פון דער שיף. ער איז געשוואומען צו דער שיף און געשיקט אויסגעמיטן דעם הייפיש. שוין בײַ דער שיף, האַלטנדיק זיך בײַ דעם שטריק, וואָס מ׳האָט אים אַראָפּגעוואָרפן, האָט ער נאָכאַמאָל אַ שטאָך געטאָן דעם הייפיש.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין דער יינגל געווען אויפן דעק. און דער טאַטע האָט אים געהאַלדזט און געקושט מיט טרערן אין די אויגן.

דריי פישער

● מאַני לייב

עס פאָרן דריי פישער אַרויס אינעם יאַם,
דער נעפל איז פינצטער און גרויס.
עס טראַכטן די פישער פון ווייב און פון קינד,
פון אויגן, וואָס קוקן זיי אויס.

דעם מאַן איז די אַרבעט, די טרערן — דער פרוי,
און שווער איז די זאָרג, און דאָס לעבן איז גרוי,
און פינצטער ברויזט דער יאַם.

עס קוקן דריי פרויען פון פענצטער אַרויס
אין נעפל צום יאַם אויף דער טיף...
עס טראָגן די כוואַליעס צום שוימיקן ברעג
אַן אַלטע צעבראָכענע שיף.

דעם מאַן איז די אַרבעט, די טרערן — דער פרוי
און פאַלש איז די כוואַליע, דאָס מאַזל איז גרוי,
און שוימיק זידט דער יאַם.

עס ליגן דריי טויטע באַם יאַם אויפן ברעג,
דער מאָרגן אַ זוניקער בלענדט...
עס שטייען דריי פרויען באַם יאַם אויפן ברעג,
זיי וויינען און ברעכן די הענט...

דעם מאַן איז די אַרבעט, די טרערן — דער פרוי,
און שווער איז די זאָרג, און דאָס לעבן איז גרוי,
און פינצטער ברויזט דער יאַם.

די שיף ברענט

• בערטאַ לעלטשוק

איבער דעם שטעטל טראָגט זיך אַ רייעך פון פיש. אין די זייטיקע געסלעך ליגן צעליגט פיש, וואָס טריקענען זיך אויף דער זון. פון דער ווייטנס זעען זיי אויס, ווי אַלטע שפּענדלעך. צעשפּרייטע נעצן טריקענען זיך אויף דער זון.

דזשאַנסאָן דעם פישערס שטיבל שטייט אָפּגעזונדערט אויף אַ בערגל. דאָס שטיבל איז אַלט, און ס'איז אַ וואונדער, וואָס די ווינטן האָבן עס ניט אַרונטערגעריסן. דזשאַנסאָן זעט זעלטן זיינע קינדער. אָדער ער שלאָפט, אָדער ער איז אויפן יאַם.

די באַלעבאַטישקייט פירן די קינדער אַליין, ווייל די מאַמע גייט אַוועק אויף הויז־אַרבעט בײַ יענעם.

דזשאָרדזשי איז אַ קליינער אַכט־יאָריקער יינגל מיט פאַרטראַכטע אויגן און דינע אויסגעדרייטע באַנאַנע־פיסלעך. אין סקול רופן אים די קינדער „פענסיל", אַזוי דין איז ער. אויף דזשאָרדזשין גיט אַכטונג דזשאָרדזשי אַליין און זיין גרויסע צוועלף־יאָריקע שוועסטער קעראָליין.

קעראָליין איז אַ לאַנגע אויסגעצויגענע מיידל, צו הויך פאַר אירע יאָרן, מיט אַ בלאַס פּאָנעם. זי טראָגט אויף זיך דעם גאַנצן יאָך פון שטוב. גרייט אָן עסן פאַר דער מישפּאָכע, רייניקט, וואַשט, ווי אַן עמעסע באַלעבאָסטע. דזשאָרדזשי פאָלגט זיין שוועסטער, ווי זי וואָלט געווען אַ מאַמע. ער גייט פאַר איר אַ גאַנג, היט אָפּ דאָס גערטנדל, וואָס קעראָליין האָט פאַרזייט.

די מאַמע קומט אַהיים אַ מידע. די קינדער גרייטן צום טיש. די מאַמע טיילט אוים דאָס עסן. דזשאָרדזשין זעט זי מער צו. די מאַמע זאָגט, אַז דזשאָרדזשי דאַרף בעסער וואַקסן. זי זאָגט, אַז ער איז ניט קיין געזונט קינד.

קעראָליין כאַפּט זיך אָפּ אויף פון שלאָף פון דזשאָרדזשיס געוויין. ער רופט פון שלאָף דעם טאַטן. אים כאָלעמט זיך, אַז דעם

טאַטנס שיף האָט זיך איבערגעקערט אין מיטן יאַם. זעצט זיך די מאַמע בײַ דזשאָרדזשין צוקאָפּנס, דעקט אים גוט איין און גלעט אים מיט וואַרעמע רייד:

— שלאָף, מיין קינד, ס'איז נאָר אַ כאָלעם.

נאָך אַזאַ כאָלעם גייט דזשאָרדזשי אַרום אַ שווייגנדיקער, מיט שוואַרצע רייפן אונטער די אויגן. ער ווערט נערוועז פון יעדן פייף פון אַן אָטאָמאָביל. אים דאַכט זיך, אַז דער פייף איז פון אַ שיף, וואָס איז אין געפאַר. די פישער קענען די סיגנאַלן. לויט דער צאָל פון די סיגנאַלן ווייס מען, וועלכע שיף ס'איז אין געפאַר.

— ווען כ'וועל ווערן אַ גרויסער, וועל איך הייסן אַלע אַלטע שיפן פאַרברענען! — שווערט זיך דזשאָרדזשי.

ס'איז געווען איינמאָל פאַרנאַכט. די זון איז שוין געווען פאַרגאַנגען. אַ גאַנצן טאָג האָט די זון געשיינט און מיטאַמאָל האָט דער הימל זיך געגעבן אַ פאַרדעק מיט שוואַרצע וואָלקנס, ווי מיט שטיקער ערד. ס'איז געוואָרן פינצטער. אַ ווינט האָט זיך דורכגעטראָגן, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעריסן פון פאַרמאַכטע טירן, און אָנגעהויבן רייסן די פענצטער און די דעכער. די פרויען פון די פישערלייט, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן יאַם, זיינען אַרויסגעלאָפן אין דרויסן פאַרצווייפלטע, ווי‌סנדיק, וואָס עס דערוואַרט זייערע אייגענע.

— די שיפן וועלן אונטערגיין!

— מיין מאַן!

— מיין טאַטע! — וויינט אַ קינד.

מיטאַמאָל — אַ שניידנדיקער פייף, ווי אַ מעסער וואָלט אַ שניט געטאָן. די פרויען און קינדער זיינען געבליבן פאַרגליווערט און געציילט:

— איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, אַכט... אַכט...

— אַכט! מיין טאַטע! — האָט דזשאָרדזשי אויסגעשריען.

— מיין מאַנס שיף! —

די מאַמע האָט געכאַלעשט, און דזשאָרדזשי האָט אָן אויפהער געשריען:

—אַכט! אַכט!

דאָס ליד באַם נאָרד־פּאָל

● י. קאָטליאַר

אײנס און צװײ און דרײ און פיר —
אױפן פּאָל זײנען מיר.

פאָרן אום טאָג-אײַן, טאָג-אױס
אױף דעם אײַז דעם קאַלטן.
װער און װאָס סע זאָל ניט זײַן
װעט אונדז ניט פאַרהאַלטן.

אײנס און צװײ און דרײ און פיר —
גרױסע פּעלצן טראָגן מיר.

יאָ, מיר װעלן צו דער נעסט
זיך דערקלײבן זיכער,
צו דער נעסט פון קעלט און פרעסט
און פון שנײ-געװײכער.

אײנס און צװײ און דרײ און פיר —
איבערגליקלעך זײַנען מיר.

און פון אױבן, אױבנאָן,
װי דאָס בעסטע פײַער,
װאַרעמט אונדז די פאָן
פון דער הײם, דער פרײַער.

אײנס און צװײ און דרײ און פיר —
אױפן פּאָל זײַנען מיר.

צו די אָדלער־נעסטן

● יידיש: ש. באַסטאָמסקי

גרויס און מעכטיק איז דער שעפּסן־אָדלער. אין די שפּאַלטן פון די הויכע אַלפּן־בערג בויט ער זיין נעסט. צווישן די שעפּסן־סטאַדעס, וואָס פּיטערן זיך אין די בערג, געפינט ער זיין טעגלעך שפּייז.

און פון דעם האָט ער טאַקע באַקומען זיין נאָמען.

אָבער אויך מיט קיין מענטשן־פלייש בראַקירט ניט דער שעפּסן־אָדלער. אַט אַרבעט אַ פרוי אין פעלד. אין שאָטן פון אַ בוים האָט זי איר זויג־קינד אַוועקגעלייגט.

און אין דער הויך, אין די ווייטע, ווייטע הימלען שוועבט לאַנגזאַם אַרום דער אָדלער. ער זעט אויס, ווי אַ קליין שוואַרץ פּינטעלע...

פּלוצלונג, מען ווייס ניט ווי אַזוי, טוט דער אָדלער אַ פאַל אַראָפּ ווי אַ קויל אויף דער ערד, טוט אַ כאַפּ דאָס קינד און שלעפּט עס אַוועק אין די שאַרפע נעגל.

עס שרייט דאָס קינד. עס יאָמערט די מוטער. אַן אוילעם איז זיך צוזאַמענגעלאָפן.

אומזיסטע קוילעס. מען קאָן שוין גאַרנישט מאַכן. דער מערדער איז שוין ווייט־ווייט אויף די פעלדזן הינטער די וואָלקנס...

פאַרשטייט זיך, אַז די בערג־איינוואוינער זיינען די שעפּסן־אָדלער גאַרניט קיין גוטע פריינט. כאַפּן זיי איז אָבער שווער. איין זאַך טוט מען — מען צעשטערט זייערע נעסטן. דאָס איז אויך ניט לייכט, ווייל די אָדלער בויען שטענדיק זייערע נעסטן אויפן ראַנד פון אַן אָפּגרונט, און דאָס צוקומען צו זיי איז פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר.

:: :: ::

אַמאָל איז אַן אַלפּינער יונגערמאַן געגאַנגען מיט אַ שמאָלן שטעגל, וואָס האָט זיך געפונען איבער אַ שרעקלעכן אָפּגרונט. אויף אַ סטאַרטשענדיקן פעלדז האָט ער דערזען אַן אָדלער־נעסט. קעדיי צוקומען צו דער נעסט האָט מען זיך געדאַרפט אַראָפּלאָזן אויף אַ שטריק אויף דער טיף פון עטלעכע מעטער.

געקומען אין דאָרף, האָט דער יונגערמאַן דערציילט זיינע כאַווירים וועגן דער נעסט. צוויי זיינען גרייט געווען מיט אים צו גיין און באַקומען די יונגע אָדלערלעך, ווייל אין זאָאָלאָגישן גאָרטן האָט מען געצאָלט פאַר זיי אַ הויכן פּרייז.

געקומען צום אָרט, האָבן די יונגעלייט דערזען, אַז די אָדלערין — די מוטער איז נישטאָ. די קינדער זיינען אַליין. גוט.

מאַקס, דער יונגערמאַן, וואָס האָט געפונען די נעסט, האָט איינגעשטימט זיך אַראָפּצולאָזן. ער האָט אַריינגעשטעקט אַ מעסער אין גאַרטל, אַרומגעבונדן זיך מיט אַ שטריק און — הײדאַ!

די כאַווירים האָבן געהאַלטן די שטריק פון אויבן און אין אַ מינוט אַרום איז שוין מאַקס געהאַנגען איבערן אָפּגרונט. נידעריקער און נידעריקער האָבן אים די כאַווירים אַראָפּגעלאָזט... און אָט איז ער שוין בײַ דער נעסט. ער כאַפּט אָן פאַר די פיס צוויי יונגע אָדלערלעך און מאַכט אַ סימען מיט דער האַנט, מען זאָל אים אויפהויבן.

די כאַווירים הייבן אָן ציען די שטריק אַרויפצו.

פּלוצלונג איז אָנגעפלויגן די אָדלערין. דערזען אירע קינדער בײַ אַ מענטשן אין די הענט, האָט זי זיך מיט רעציכע אַ לאָז געטאָן צו אים, אַרויסגעלאָזט די שאַרפע נעגל, צעעפנט דעם קרומען מעכטיקן שנאָבל...

מאַקס האָט געהאַלטן די פייגל אין דער לינקער האַנט. האָט ער מיט דער רעכטער האַנט אַרויסגעכאַפּט דאָס מעסער און גענומען פאָכען מיט אים, אָפּשלאָגן דעם סוינע. אַ פאָך אַהער, אַ פאָך אַהין — פּלוצלונג דערפילט ער, אַז דער שטריק, אויף וועלכן ער איז געהאַנגען, האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אין דער הויך און — ס'איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן:

ער האָט דערזען, אַז פאָכענדיק האָט ער איינגעשניטן דעם שטריק ביז העלפט... דער שטריק האָט זיך פאַנאַנדערגעצויגן אין דעם אָרט פון דעם שניט און די פעדעם זיינען שוואַכער געוואָרן. אָט-אָט און זיי צערייסן זיך...

אַ טויט־שרעק האָט אים אַרומגעכאַפּט. דאָס האַרץ איז אים אָפּגעשטאָרבן. הענט און פיס זיינען אים קאַלט געוואָרן... ער האָט אַרויסגעלאָזט פון די הענט די פייגל, דאָס מעסער און זיי זיינען אַראָפּגעפאַלן אין טיפן אָפּגרונט.

די אָדלערין האָט דאַן פאַרלאָזט דעם מענטשן און זיך אַראָפּגעלאָזט צו אירע קינדער.

די כאַוויירים האָבן אַפילע געזען, ווי מאַקס האָט אַוועקגעוואָרפן די פייגל און דאָס מעסער. נאָר זיי האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען אין ווי פריער אים פאַמעלעך געצויגן אין דער הויך.

דער אומגליקלעכער האָט עטלעכע מאָל געפרואווט שרייען. זיי זאָלן זיך צואיילן. אין האַלדז איז אים אָבער אַזוי ווי פאַרשטיקט געוואָרן און ער האָט קיין קאָל ניט געקאָנט אַרויסלאָזן.

מיט אַ צעקרימטן פּנים פון שרעק האָט ער אַלץ געקוקט אויפן אָרט פון דעם שניט. ער האָט געזען, ווי עס פלעכטן זיך פונאַנדער די פעדעם... אָט וועט דער שטריק פּלאַצן און ער וועט אַראָפּפאַלן אין טיפן אָפּגרונט, וואו ס'איז שרעקלעך אַפילע אַ קוק צו טאָן.

וואָס זאָל ער טאָן? אַפילע טראַכטן וועגן עפּעס איז שווער... אין מינוטן ציען זיך און ציען זיך ווי אייביקייטן...

ענדלעך האָט ער דערזען — די כאַוויירים זיינען נאָענט. אַ האָפענונג האָט דערוואַכט אין אים. ער האָט אויסגעשריען מיט די לעצטע כויכעס:

— גיכער, כ'האָב איינגעשניטן דעם שטריק!

אַ ווײַלע האָבן זיי זיך ווי באַטראַכט וואָס ער האָט געזאָגט. באַלד אָבער האָבן זיי פאַרשטאַנען, וואָס ס'איז געשען, און מיט דרייפאַכער שנעלקייט אַ שלעפּ געטאָן אים אַרויפצו.

נאָך עטלעכע סעקונדעס — און ער איז געראַטעוועט.

ווען ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פאַר די שטיינער, האָט זיך באַ די כאַוויירים אַרויסגעריסן אַ געשריי: אָנשטאָט דעם שיינעם יונגנמאַן מיט די שוואַרצע לאָקן און רויטע באַקן איז פאַר זיי געשטאַנען אַ גרויער זאָקן, אַ בלאַסער ווי דער טויט.

אַזוי האָט דער טויט־שרעק אים געעלטערט אין עטלעכע מינוט.



אייברעהעם לינקאָלן

● מאָרים ראָזענפעלד

דער נעגער האָט דעם יאָך געטראָגן,
שטיל און רואיק, ווי אַ לאַם.
פלעגט קיין הויך וואָרט נישט זאָגן,
שטיל געשטיקט אין זיך דעם פלאַם.

אויף קענטאָקיס גרינע וויזן,
אין אַ שטיבל אויפן פעלד,
איז דער ריז פון פרייהייט-ריזן
אָנגעקומען אויף דער וועלט.

„לאָזט אים פריי!" האָט ער געשטורעמט.
„פון זיין אומגליק ווערט ניט רייך!
מענטשן זיינען גלייך געפורעמט,
שוואַרץ צי וויים, מיר זיינען גלייך!"

און ער האָט די קייט צעריסן,
און געלאָזן גיין דעם קנעכט,
און באַפרייט אַ פאָלקס געווויסן,
און געקרוינט דאָס מענטשן-רעכט!

אַ פייער

● ד׳אַמיטשים

פון אַלע זייטן איז מען געלאָפן צו דעם פייער. אַ הויז האָט גע־ברענט. דורך די פענצטער און דעם דאַך האָבן זיך געריסן וואָלקנס רויך און פייערדיקע צונגען. פון אינעווייניק האָבן זיך באַוויזן אין די פענצטער מענער און פרויען. דער עולם האָט געשריען אויכער זיך:

— זיי וועלן פאַרברענט ווערן! ראַטעוועט!

פּלוצלונג האָט זיך אַ פרוי באַוויזן אין פענצטער פון דעם דריטן שטאָק. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר די אייזערנע גראַטעס, איז איבער זיי אַריבערגעקראָכן און געבליבן הענגען אין דער לופטן מיטן רוקן צו דער גאַס. דער רויך און דער פלאַם זיינען געפלויגן איבער איר קאָפּ.

די פייערלעשער זיינען אַרויפגעלאָפן אויפן דריטן שטאָק. אָבער דאָרט איז שוין געווען אַן עמעסער גהענעם. מען האָט צו דעם צימער, וואו די מענטשן האָבן זיך געפונען, געקאָנט צוקומען נאָר דורך דער סטעליע. די פייערלעשער האָבן גלייך גענומען קלעטערן אויפן דאַך. באַלד האָט דער עולם פון אונטן דערזען אין רויך דעם ערשטן פייערלעשער. אַרום און אַרום איז שוין אַלץ געווען אין פלאַמען. אָבער דער פייערלעשער האָט זיך געלאָזט גיין.

אַלע האָבן געקוקט מיט שרעק. ער איז אַריין אין בוידעם און האָט גענומען האַקן די סטעליע. די אומגליקלעכע פרוי איז נאָך אַלץ געהאַנגען אין דער לופטן. דערווייל האָט דער פייערלעשער דורכ־געהאַקט אַ לאָך אין דער סטעליע און זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער דירע אַריין. נאָך עטלעכע פייערלעשער האָבן זיך איינגעשטעלט צו גיין נאָך אים.

פאַר דער צייט האָט מען געבראַכט אַ גרויסן לייטער און אים צוגעשטעלט קעגן די פענצטער, פון וועלכע ס׳האָט געשפּאַרט דער רויך. עס האָבן זיך געהערט געשרייען:

— ס׳איז שוין צו שפּעט! מ׳וועט שוין קיינעם ניט ראַטעווען!

— די פייערלעשער וועלן דערשטיקט ווערן פון רויך!

— געוואַלד!

— זיי וועלן אַלע אומקומען!

פלוצלונג האָט זיך באַוויזן אין דעם פענצטער מיט דער גראַטע די פיגור פון דעם פייערלעשער. די פרוי האָט אים אַרומגעכאַפּט אַרום האַלדז. ער האָט זי גענומען אויף די הענט און צוריק אַריינגעשלעפּט אין צימער אַריין. דער עולם אונטן האָט געטומלט:

— אָבער ווי וועלן זיי זיך אַראָפּלאָזן? ווי אַזוי?

דער לייטער איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צום דאַך, קימאַט אויף אַ גאַנצן טראָט לינקס פון פענצטער.

— ווי וועלן זיי צוקומען צום פענצטער? — איז דער עולם געווען אומרואיק.

אָבער אין פענצטער האָט זיך באַוויזן דער פייערלעשער. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיטן רעכטן פוס אויפן פענצטער, מיטן לינקן אויפן שטאַפּל פון לייטער. און אַזוי שטייענדיק אין דער לופטן, האָט ער פון צימער אַרויסגענומען די מענטשן איינעם נאָכן אַנדערן.

די פייערלעשער, וואָס זיינען געווען אינעווייניק, האָבן זיי אים דערלאַנגט. ער האָט זיי איבערגענומען און ווידער איבערגעגעבן צו די אַנדערע פייערלעשער, וועלכע זיינען אַרויפגעקראָכן אויפן לייטער פון גאַס.

אַזוי־אַרום האָט מען אַלעמען אַרויסגענומען פון דער ברענענדיקער דירע און אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד: צוויי פרויען, אַ מיידעלע און אַן אַלטן מאַן. נאָכדעם האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט די פייערלעשער. דער לעצטער איז אַראָפּ דער, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט דער ערשטער.

דער עולם האָט אים אַרומגערינגלט. מען האָט אים געדריקט די האַנט און געדאַנקט.

מען קריכט אויף אים
און ער שטייט רואיק.
א לייטער.

אַ מיידל אין ווייסע שיך

● קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

דאַניעל דערציילט אַ מייסע,
אַ מייסע אַזאַ און אַזאַ.
דאַניעל האָט איינמאָל אַ פייף געטאָן
מיט זיין פייפעלע טראַ-טאַ-טאַ.

איז דאַניעל געווען אַ קאָנדוקטאָר.
אַ לאַנגע, אַ לאַנגע איז די באַן,
די רעלסן הודיען און זינגען,
די רעדער גייען אין שפּאַן.

פאָרט די באַן אויף אַ באַרג
פאָרט די באַן אין אַ טאָל.
פאָרט די באַן מיט אַ וועג,
אָטאָ ברייט, אָטאָ שמאָל.

איז געקומען אַ פורמאַן צום באַן
מיט געהילץ און מיט אייזנוואַרג:
— שטעל-אָפּ, דאַניעל, דיין געשפּאַן,
מיר פאָרן צום ווייסן באַרג.

— קום אַריין, אָבער גיך, אָבער שנעל,
ניט דאַניעל מיט אַקסלען אַ ריר.
קום אַריין, נאָר דעם וועג ניט פאַרשטעל,
איך וואַרט אויף אַן אַנדער פּאַסאַזשיר.

איז געקומען אַ טרעגער צום באַן
מיט צוקער, מיט עפּל, מיט וואָל.
— שטעל־אָפּ, דאַניעל, דיין געשפּאַן,
מירן פאָרן צום גרינעם טאָל.

— קום אַריין, לייג דיין מאַסע אַוועק —
גיט דאַניעל מיט אַקסלען אַ ריר.
שטיי באַם זייט, און פאַרשטעל ניט דעם וועג,
איך וואַרט אויף אַן אַנדער פּאַסאַזשיר.

איז געקומען אַ מיידל צום באַן,
אין ווייסן קלייד און ווייסע שיך.
— שטעל־אָפּ, דאַניעל, דיין געשפּאַן,
איך דאַרף פאָרן זייער גיך.

— וואוהין, מיידל, אין ווייסע שיך?
זאָג דיין וועג וואוהין ער פירט,
צי וואַרט אויף דיר ערגעץ דיין מאַמע,
צי האָט עפּעס אַנדערש פּאַסירט?

— דו זעסט, איך בין אָנגעטאָן אין ווייסן,
און איך אייל זיך און בין אָפּגעהיט.
איך פאָר היילן און פלעגן און היטן
די פאַרטיידיקער פון מאַדריד.

איז דאַניעל געוואָרן אַ פויגל,
די הענט — צוויי פליגל — געטאָן אַ צעבינד,
און עס פליט די באַן מיטן מיידל
איבער ערד, איבער יאַם, איבער ווינט.

שמועל מילנער

• יעהודע שטיינבערג

שמועל מילנער איז דער נאָמען פון אַ מאַן, וועגן וועמען איך וויל אייך דערציילן.

ער איז געוועזן זייער רייך און האָט געוואוינט אין אַ גרויס, גראָם שטיינערן הויז, ווייט פון שטאָט, לעבן זיין מיל באַם ברעג טייך. דאָרט זיינען געשטאַנען נאָך אַ צען אַנדערע נידעריקע און איינ־געפאַלענע הייזלעך. די איינוואוינער פון די קליינע הייזלעך זיינען געוועזן פישער, און אַ טייל פון זיי האָבן געאַרבעט אין מיל. אָבער שמועל האָט זיך מיט זיי קיינמאָל ניט געכאַוועט, ווייל ער איז געוועזן אַ שטאָלצער און האָט פיינט געהאַט מענטשן. באַזונדערס האָט ער פיינט געהאַט זיין שאָכן, דעם פישער אַווראָם, וואָס איז געוועזן זייער אַ גוטער און די פישער און אַלע אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן אים געקענט, האָבן אים דאַפקע ליב געהאַט.

איינמאָל, אין אַ הייסן זומערטאָג, איז שמועל געקומען פון שטאָט. ווען ער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי די קליינע הייזלעך פון זיינע שכיינים, האָט ער געזען, ווי אַלע טירן זיינען פאַרשלאָסן, ווייל די פישער זיינען אַרויס פישן. זיי האָבן מיטגענומען זייערע ווייבער און קינדער און זיינען אַוועק ווייט פון ברעג. בלויז איין קליין יינגל, דער זון פון אַווראָם, וואָס איז געקומען פון שול, איז געזעסן באַם ברעג טייך און האָט זיך אויסגעטאָן צום באָדן. און דאָס וואַסער אויף יענעם אָרט איז געוועזן טיף און שטורעמדיק, אַז אַפילו גרויסע מענטשן, גוטע שווימער, פלעגן מוירע האָבן זיך דאָרט צו באָדן.

— דער יינגל זוכט אויף זיך דעם טויט — האָט שמועל אַ טראַכט געטאָן — ער וועט דאָך אַרונטערזינקען ווי אַ שטיין.

אָבער זיין שטאָלץ און שלעכטקייט האָבן אים ניט דערלאָזט פונאַנדערצורעדן זיך מיטן יינגל און אים וואָרענען ניט צו באָדן זיך אין אַזאַ געפערלעך אָרט. ער איז אַוועק אַהיים און פאַרשלאָסן דאָס טויער הינטער זיך. דאָס פלעגט ער אַלעמאָל טאָן, אָרעמעלייט זאָלן ניט קומען צו אים בעטן אַ שטיקל ברויט.

ווען ער איז אַריין אין הויז, האָט ער גענומען די ביכער, וואו עס זיינען געווען פאַרשריבן אַלערליי כעזשבוינעס, און זיך אָוועקגעזעצט מיט זיי לעבן פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום טייך.

אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט שמואל אויפגעהויבן זיינע אויגן פון די ביכער און אַרויסגעקוקט צום טייך. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט עפּעס ענלעכס צו אַ קאָפּ פון אַ קינד וויגנדיק זיך צווישן די כוואַליעס.

— דאָס איז אַוואַדע דער ווילדער יינגל, אַוודאָם דעם פישערס זון! — האָט שמואל אַ טראַכט געטאָן און האָט געוואָלט אַרויסגיין



רופן מענטשן צו ראַטעווען דאָס קינד. ער האָט אָבער באַלד כאַראָטע געקראָגן:

— ער איז שוין זיכער אַ דערטרונקענער, און אויב נאָך ניט, וועט ער זיכער דערטרונקען ווערן, איידער עס וועלן זיך צוזאַמענקלייבן מענטשן אים אַרויסצושלעפּן פון וואַסער.

ער האָט אַרונטערגעצויגן דעם פאָרהאַנג פון פענצטער און ווייטער אַריינגעקוקט אין זיינע ביכער.

ווי ער איז געווען פאַרטיפט אין די כעזשבוינעס, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט עפּעס אַ טומל אין גאַס.

— דאָס האָט מען אים אַרויסגענומען פון וואַסער — האָט שמועל אַ טראַכט געטאָן — אַלע הייזער זיינען דאָך פאַרשלאָסן! זיי וועלן נאָך וועלן אַריינברענגען דעם יינגל צו מיר אין הויז און שטערן מיין רו. זיי וועלן פאַרשמוצן די ערד און פאַרנעצן די דיוואַנען.

און דער טומל אין גאַס ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. אָט קלאַפּט מען שוין אין טויער. אים דאַכט זיך, אַז מ'איז אַריבער־געשפּרונגען איבערן טויער. מ'האָט אויך אָנגעהויבן קלאַפּן אין די טירן פון הויז. אָבער ער זיצט זיך אויבן און לאַכט זיך אויס פון זיי:

— מיינע טירן זיינען שטאַרק, זיי וועלן ביישטיין די פישער!

צו זיינע אויערן דערטראָגן זיך אויסגעשרייען:

— שנעלער, ראַטעוועט! שטריק דערלאַנגט! זעק גיט אַהער!

די אויסגעשרייען האָט ער ניט פאַרשטאַנען. וואָס קערן זיך אָן שטריק מיט אַ דערטרונקענעם? ער האָט אויפגעהערט זיך צוהערן און פאַרטיפט זיך אין זיינע כעזשבוינעס.

פלוצלונג האָט ער דערהערט אַ קלאַפּעריי פון דאַך.

— וואָס איז דאָס? האָבן זיי געוואָגט זיך אַריינצורייסן אין מיין הויז אַריין דורכן דאַך?

דאָס קלאַפּעריי און דער טומל זיינען געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. פלוצלונג האָט ער דערפילט אַ שטיקנדיקע היץ. די סטעליע פּלאַצט און אַ פייער גיט אַ זעץ אין צימער אַריין.

דער אומגליקלעכער שלעכטער האָט אַ טאָעס געהאַט. דער יינגל איז ניט דערטרונקען געוואָרן. דאָס איז בלויז אַ קלאָץ געשוואומען אויפן וואַסער. אָבער גראָד דאַן איז געוואָרן אַ פייער באַ אים אין קיך, וואָס האָט אויך דאָס הויז אַרומגענומען. די פישער האָבן זיך דאַן אומגעקערט פון זייער פישן און זיינען שנעל געלאָפן ראַטעווען דאָס הויז. אָבער דאָס הויז איז געווען פאַרשלאָסן. מיט שווערער מי האָט זיך דעם פישער אוּוראָם איינגעגעבן אַרויפצוקלעטערן אויפן דאַך צו לעשן דאָס פייער. און ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס פענצטער פון אויבערשטן גאָרן, האָט ער געזען ווי שמועל פאַלט אַ

געכאַלעשטער אין דעם צימער פול מיט רויך. האָט ער פאַרלאָזן דעם פלאַמענדיקן דאַך, האָט דורכגעבראָכן דאָס פענצטער און, איינשטעלנ־דיק זיין לעבן, האָט ער אַרויסגעשלעפּט זיין אומגליקלעכן שאָכן פון פייער.

ווען שמועל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שווערן שלאָף, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און ניט דערקענט דאָס אָרט, אויף וועלכן ער ליגט. אַלץ איז אים פרעמד. בלויז די שכיינים, וואָס דרייען זיך אַרום אים, דערקענט ער. און מער פון אַלעמען טוט פאַר אים אַווראָם דער פישער. ער פאַררירכט זיין געלעגער, פאַרבינדט זיינע וואונדן און גיט אים די מעדיצין.

ביסלעכווייז איז ער געקומען צו זיין באַוואוסטזיין און געוואוסט וואָס מיט אים טוט זיך: זיין הויז איז פאַרברענט. ער ליגט באַ אַווראָם דעם פישער אין הויז און זיין פאַמיליע האָבן די גוטע פישער גענומען צו זיך. און ס'איז שוין העכער צוויי וואָכן זינט דאָס שרעק־לעכע אומגליק האָט זיך געטראָפן.

ער ליגט אין הויז באַ אַווראָמען דעם פישער, וועמעס ייִנגל האָט זיך געטרונקען פאַר זיינע אויגן, און ער, שמועל, האָט ניט געוואָלט איבעררייסן זיינע כעזשבוינעס און אים ראַטעווען. און אָט דער אַווראָם האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און אים געראַטעוועט פון פייער. דאָס האָט אים שטאַרק ווי געטאָן. ער האָט געוואָלט פרעגן דעם אומגליקלעכן גוטן פאָטער, צי האָט מען כאָטש געפונען זיין זונס קערפּער. ער האָט אָבער ניט געהאַט גענוג מוט צו פרעגן אים די פראַגע.

און ווי איבעררעשט איז ער פלוצלונג געוואָרן, ווען ער האָט געזען דעם ווילדן ייִנגל אַריינלויפן אין הויז אַ לעבעדיקן, אַ פריילעכן, און געהערט ווי זיין פאָטער שרייט אויף אים, ער זאָל זיין רואיק, ווייל דער קראַנקער קאָן ניט פאַרטראָגן דעם טומל.

אַזוי איז שמועל אָפּגעלעגן צוויי כאָדאָשים באַ אַווראָמען אין הויז און איז געווען געצוואונגען צו עסן די שפּייז, וואָס אַווראָם און זיין גוטע פרוי האָבן אים דערלאַנגט. און דער קליינער ייִנגל, וואָס האָט זיך געטרונקען פאַר זיינע אויגן, האָט אים אַלע טאָג געבראַכט וואַסער

פון טייך צו וואַשן זיינע וואונדן. שמועל האָט געביסן זיינע ליפּן פון ווייטיק און שאַנדע. אָפטמאָל איז אים איינגעפאַלן, אַז זיי ווייסן, וואָס מיט אים האָט געטראָפן פאַר דער סרייפע: אַז ער האָט ניט געוואָלט אַרויסגיין פון הויז צו ראַטעווען זייער קינד פון וואַסער; אַז ער האָט ניט געוואָלט עפענען די טיר פון זיין הויז פאַר זייער דערטרונקענעם ייִנגל. אַלץ ווייסן זיי, און זיי זיינען אַזוי גוט צו אים, קעדיי גרעסער צו מאַכן זיין שאַנדע און שטאַרקער מאַכן זיין פאַרדרוס. איז דען מעגלעך, אַז איך זאָל גאָרניט האָבן אויסגערעדט פון היץ די גאַנצע צייט און אויסגעזאָגט מיין סאָד?

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז שמועל געזונט געוואָרן. דער דאָקטער האָט אים דערלויבט אַרויסצוגיין. ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַרויס אין גאַס, האָט ער דערזען זיין גרויסן כורבן: פון זיין גרויס, שיין הויז, מיט וועלכן ער האָט אַלעמאָל שטאָלצירט, איז קיין זייכער ניט געבליבן. אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש. שכיינים האָבן דערציילט, אַז אין דער צייט פון זיין קראַנקהייט האָבן זיך די וואַסערן פלוצלונג אויפגעהויבן און פאַרפלייצט די מיל.

דעם גאַנצן טאָג איז שמועל געזעסן אויף זיינע בערג אַש און האָט ביטער געוויינט. ווי געריכט איז ער געוואָרן, ווען זיין שאָכן אווראָם איז צו אים צוגעגאַנגען פאַרנאַכט, און אים איבערגעגעבן אַ סומע געלט, וואָס ער האָט פאַר אים צונויפגענומען צווישן די אָרעמע פישער, ער זאָל קאָנען אויפבויען זיין הויז און זיין מיל.

— מען קאָן זיך קיינמאָל ניט אויסהיטן פון אַן אומגליק — האָט אים אווראָם געטרייסט מיט אָפענער ליבשאַפט — היינט האָט דיך אַן אומגליק געטראָפן. ווער ווייס, צי וועט זיך מאָרגן מיט מיר אַזעלכעס ניט טרעפן? פיל זיינען די אומגליקן, וואָס לויערן אויף מענטשן. מיר אַלע זיינען דאָך פישער. יעדער פון אונדז האָלט שטענדיק מילכאָמע מיט די כוואַליעס פון יאַם, און ווער נאָך איז אַזוי אויסגעזעצט צו אַן אומגליק, ווי אַ פישער?

— איך ווייס צו וואָס דיינע ווערטער זיינען געצילט — האָט דער אומגליקלעכער געענטפערט מיט קאַעס — יאָ, איך האָב ניט געוואָלט ראַטעווען דיין זון, ווען ער האָט זיך געטרונקען אין טייך. און אויב

איך וועל מאָרגן זען, ווי איר אַלע טרינקט זיך אין טייך, וועל איך אייך אויך ניט ראַטעווען. פּאַסקודניאַקעס! איך וויל ניט אייערע געדאַוועס!

ער האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס געלט זיין רעטער אין פּאָנעם אַריין און איז אַוועק פון יענעם אָרט און זיך אַהין מער ניט אומגעקערט. און ביז היינט ווייס מען ניט, וואו ער איז אַהינגעקומען.

וויג־ליד

● ש. פרוג

רו דיך אויס, מיין פייגעלע,
שטיי אויף שטאָלץ און שנעל.
ס'זאָל דיין ליכטיק אייגעלע
שיינען קלאָר און העל.

עס זאָל דיין קליין פליגעלע
ווערן שטאַרק און גרויס
און — אַרויס פון וויגעלע!
אויף דער וועלט אַרויס!

קעגן טרויער, אָרעמקייט
שטרייטן ווי אַ העלד!
פרייהייט, ליבע, ליכט און פרייד
ברענגען אויף דער וועלט!...

דער וואָלף און דער מענטש

● ברידער גרים

דער פוקס האָט איינמאָל דערציילט דעם וואָלף, ווי שטאַרק דער מענטש איז. קיין חיה קאָן אים ניט בייקומען. זאָגט דער וואָלף:

— כ׳וואָלט זיך ווען פּרוּוון מיטן מענטשן.

ענטפערט דער פוקס:

— רעכט. קום, איך וועל דיך ברענגען צום מענטשן.

זיינען זיי ביידע אַוועק. דער פוקס האָט דעם וואָלף אַרויסגעפירט אויפן וועג, וואו דער יעגער גייט אַלע טאָג אויף דער יאַגד.

דער ערשטער איז זיי אַנטקעגן געקומען אַן אויסגעדינטער סאָל־דאַט. פרעגט דער וואָלף:

— דאָס איז דער מענטש?

ענטפערט דער פוקס:

— ניין, דאָס איז אַזעלכער, וואָס איז אַמאָל געווען אַ מענטש.

גייען זיי ווייטער. קומט זיי אַנטקעגן אַ קליינער יינגל.

— דאָס איז דער מענטש? — פרעגט דער וואָלף.

— ניין, דאָס איז אַזעלכער, וואָס וועט ערשט אַמאָל זיין אַ מענטש — האָט דער פוקס געענטפערט.

דערנאָך איז פון דער ווייטן אָנגעקומען דער יעגער מיט דער ביקס אויפן רוקן, מיטן מעסער באַ דער זייט.

— זעסטו — זאָגט דער פוקס — אָט איז דער עמעסער מענטש, מיט אים קאָנסטו זיך פּרוּוון.

דער וואָלף האָט זיך אַ יאָג געטאָן צום יעגער. דער יעגער האָט אויף אים אַרויסגעלאָזן אַ שאָס פּולווער מיט שרויט. דעם וואָלף האָט געטאָן אַ פלאַם אין פּאַנעם, אָבער גאָרנישט, ער איז ניט אָפּגעטראָטן. האָט דער יעגער אַ צווייט מאָל אויסגעשאָסן. דער וואָלף האָט פאַר־שטשעמעט די ציין און איז ווייטער געקראָכן. דאָ האָט דער יעגער אַרויסגעכאַפּט זיין מעסער און דערלאַנגט דעם וואָלף איינמאָל אין איין

זייט און נאָכאַמאָל אין דער אַנדערער זייט. דער וואָלף האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט און איז מיט גע־אײַל אַנטלאָפן צום פוקס.

— נו, ברודער וואָלף, ווי ביסטו דורכגעקומען מיטן מענטשן? — פרעגט דער פוקס.

— אוי, וויי — ענטפערט דער וואָלף — איך האָב גאָרניט אויסגערעכנט, אַז דער מענטש זאָל האָבן אַזאַ קויעך. הערסט דאָך, וואָס עס איז געווען. פריער האָט ער אַראָפּגענומען אַ שטעקן פון רוקן און געטאָן אַ בלאָז אין אים, איז מיר עפּעס אַרײַנגעפלויגן אין פּאָנים און גענומען שרעקלעך קיצלען. דערנאָך האָט ער ווידער געטאָן אַ בלאָז אין שטעקן, איז מיר אין נאָז אַרײַנגעפלויגן אַ בליץ מיט אַ האָגל. און אַז איך בין שוין געווען גאָר נאָענט לעבן אים, האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ ריפּ פון זײַן זייט, און דערמיט האָט ער מיר דערלאַנגט אַזאַ שמיץ, אַז איך בין שיר ניט געפאַלן אין כאַלאָשעס.

דער צויבערמאַן

● יעהויאָש

קומט דער גוטער צויבערמאַן
אויף אַ גילדענעם געשפּאַן:
האָט ער אויגן מילד און שוואַרץ
און אַ דימענטן האַרץ...
שטעלט ער זיך אין מיטן מאַרק,
הייבט ער אָן צו רופן שטאַרק:
„כ'האָב מאַטאָנעס אַלערליי,
קומט און קלייבט זיך אויס פון זיי..."

ווערט אַ טומל און געלאַף,
זעלטן מאַכט זיך אַזאַ טראַף.
איילט זיך יעדער צו דעם גליק,
בלייבט אַ קינד ניט אין דער וויג.
זאָגט דער צויבערמאַן און לאַכט:

„כ'האָב פון אַלצדינג מיטגעבראַכט.
זאָגט מיר יעדער זיין באַגער,
איין באַגער נאָר און ניט מער.
האָט איר צייט אַ פערטל שאָ,
און דערנאָך בין איך ניטאָ."

איין באַגער נאָר און ניט מער —
אויסצוקלייבן זייער שווער,
קלער אַהער און קלער אַהין,
פאָלג אַ גאַנג מיך און געפין

וואָס איז בעסער, דאָס צי יענץ.
שרייען אַלע ווי די גענדז.
פון די אַלע מענטשן פיל
ווייס ניט איינער, וואָס ער וויל.
זיינען אַלע אין אַ קלעם.
פרעגט מען יענעם, פרעגט מען דעם:
וואָס נעמט ער? און וואָס נעמסטו?

און אין מיטן — טרו-טרו-טרו!
בלאָזט אַ זילבערנער טראָמפּייט,
און פאַרשוואונדן שטילערהייט
איז דער גוטער צויבערמאַן
מיט דעם גילדענעם געשפּאַן...

ווען איך וועל גרויס ווערן

● מוישע שיפּרים

ס'איז אָנפאַנג פרילינג אין ווין. די זון, אַן אויסגעצוואָגענע, אַן אויסגעקעמטע, אַ גאָלדענע האָט זיך אַ פריילעכע אַרויסגעלאָזט איבער די ווינער גאַסן און אָנגעזאָגט מיט פרייד:

— דער בייזער ווינטער איז אַוועק — עס קומט דער גאָלדענער פרילינג אין לאַנד.

הערשל זיצט אין אַ ווינקל פון שטוב אַזאַ אומעטיקער, ווי אַן אַלטער טאַטע מיט אַ סאַך זאָרגן. אויפן דיל ליגט אַ פענצטער: פיר גאָלדענע, ליכטיקע שויבן אין שוואַרצע רעמלעך. דאָס האָט די זון, די שטיפערקע, אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל, זיך אַריינגעריסן דורכן פענצטער און עס אַוועקגעלייגט אויפן דיל.

הערשל שטרעקט אויס אַ האַנט. ער וויל אַריינרוקן זיין האַנט אינמיטן פון סנאָפּ זון-שטראַלן. ער האָט אַזוי ליב צו קוקן, ווי די זון מאַכט די האַנט דורכזיכטיק, ראָז, ווי רויזן-בלעטלעך און צווישן די פינגער ליכטיקט אַזוי רויט, ווי פייער. אָבער ער טוט עס ניט, ווייל ער וויל זיך איצט ניט שפּילן. ווייל ער וויל איצט ניט זיין פריילעך. ער וויל גאָר איצט זיין אומעטיק.

אין שטוב איז אומעטיק און טרויעריק. אין יעדן ווינקל איז טרויעריק. שוין טעג, אַז מען הערט ניט קיין געלעכטער אין הויז. מען רעדט שטיל, ווי מען וואָלט געשטאַנען לעבן בעט פון אַ געפער־לעכן כוילע. באַ דער מאַמען זיינען אויפגעלאָפן קישעלעך אונטער די אויגן און דער טאַטע איז גרוי געוואָרן און איינגעבויגן.

שוין טעג אַזוי.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אין יענעם טאָג, ווען היטלערס נאַצים האָבן אַריינגעמאַרשירט קיין ווין.

ווי אַ וויסטע בסורע האָט זיך דאָס צעטראָגן איבער דער שטאָט. יידן זיינען זיך צעלאָפן פון די גאַסן און אַוועק אין זייערע היימען. מע האָט פאַרשלאָסן די טירן, פאַרריגלט די טויערן, פאַרהאַנגען די פענצטער און מיט שרעק זיך צוגעהערט צו דער גאַס.

עס האָבן אָפּגעהילכט די טראַציקע טריט פון די פאַשיסטן. אַר־

קעסטערס האָבן צעהילכט כוצפּעדיקע טענער און אויף די פאַר-האַנגענע פענצטער האָבן געקלאַפּט זידל-ווערטער ווי אַ שווערער האָגל:

— הייל היטלער!

— שמוציקע יידן, טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען!

— מיר וועלן טאָן מיט אייך, וואָס מיר האָבן געטאָן מיט די דייטשישע יידן.

די מאַמע האָט צוגעטוליעט הערשלען צו זיך, שטיל געוויינט און דער טאַטע איז געשטאַנען באַם פענצטער מיט געביילטע פויסטן און אַ קלאַלע אויף די ליפּן.

אַ בריאַזג פון גלאָז האָט זיך דורכגעריסן דורך די געשרייען פון גאַס.

דער טאַטע איז אָפּגעשפּרונגען פון פענצטער. אַ שרעק האָט ווי אַ בייזע כייע זיך אַריינגעריסן אין שטוב אַריין.

— טאַטע, פאַרוואָס? — האָט הערשל געפרעגט.

— ווייל מיר זיינען יידן.

— טאָר מען ניט זיין קיין ייד?

— היטלער וויל ניט. די פאַשיסטן ווילן ניט.

— טאָ לאָמיר אַוועק פון דאַנען. אַז מען וויל אונדז ניט, דאַרפן מיר דאָ ניט זיין. לאָמיר אַוועק פון דאַנען.

דער טאַטע האָט לאַנג געטראַכט. די מאַמע האָט געזאָגט:

— עפּשער איז דאָס קינד גערעכט. עסטרייך איז ניט דאָס איינציקע לאַנד אויף דער וועלט.

שפּעט אין דער נאַכט האָבן טאַטע-מאַמע שטיל גערעדט צווישן זיך. גערעדט עפּעס וועגן אַ ווייט לאַנד. אין דער פרי האָט זיך דער טאַטע אַנגעטאָן און אַוועק. די מאַמע האָט הערשלען געגלעט און דערציילט, אַז דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען ערגעץ נאָך אַ פּאַספּאָרט, אַז ער האָט צונויפגענומען געלט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון יאָרן שווערער אַרבעט און אַז זיי וועלן פאָרן אין אַ ווייט לאַנד, וואו מען זידלט ניט און מען טרייבט ניט קיין יידן.

אַ שאָ איז אַוועק, און צוויי, און דריי.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ טומל פון גאַס. נאַצים, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס, מיט ביקסן און שווערדן און קורצע בייטשן מיט קניפּלעך אויף די עקן, האָבן געטריבן יידן פון הייזער. הערשל האָט דערקענט אייניקע פון זיי: אָט גייט דער דאָקטער גאָלדין, אָט איז דער אויגן־דאָקטער, אָט גייט הער ניידים פון שפּייז־קראָם און אָט איז דער סטאָליער אידקים. צווישן זיי שטייט דער אַלטער פּראָ־פעסאָר, וואָס וואוינט דאָס צווייטע הויז פון הערשלען. ער האָט אַזעלכע לאַנגע, ווייכע האָר. דאָס פּאָנעם זיינס איז מילד און שמייכלדיק. די קינדער פון גאַס האָבן אים ליב. דעם גיט ער אַ גלעט איבערן בעקל, דעם איבערן קעפּל און אַמאָל האָט ער ליב מיט זיינע לאַנגע, גלאַטע פינגער אַ הויב צו טאָן אַ קינדס מאָרדעטשקע און אַריינצושמייכלען יענעם גלייך אין די אויגן אַריין. ער איז אַזאַ גוטער.

די נאַצים טיילן אוים בעזעמער און שמאַטעס און עמערס.

די יידן ווערן געשטויסן פון די נאַצים. זיי פאַלן אויף די קני און רייבן דעם טראָטואַר, די גאַס.

אָט גייט צו אַ כוצפּעדיקער נאַצי צום אַלטן פּראָפעסאָר. עפּעס שרייט ער אויף אים. ער גיט אים אַ שטויס. דער אַלטער פאַלט. עס ווערט אַ טומל. אָבער די דייטשן שטילן איין דעם טומל.

די מאַמע האָט אומרואיק געגומען אַרומגיין איבער דער שטוב. אַלע ווילן צוגעגאַנגען צום פענצטער און מיט די אויגן געזוכט אין אַלע ווינקעלעך פון דער גאַס.

דער טאָג האָט זיך געצויגן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן.

די זון האָט שוין אָנגעהויבן פאַרגיין. שאָטנס אומעטיקע, שרעקנדיקע האָבן זיך געלייגט אויף די ווענט.

און דער טאַטע איז נאָך אַלץ ניט געקומען.

אַ טומל באַ דער טיר האָט הערשלען אויפגעוועקט פון זיין טראַכטן.

די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט. צוויי באַוואָפנטע, הויכע, גע־זונטע נאַצים האָבן אַריינגעוואָרפן דעם טאַטן. ער איז צוגעפאַלן צו דער וואַנט.

— נו, וואָס שטייסטו, כאַזערשער ייד? גיב דיין געלט, מיר האָבן ניט קיין צייט, עס וואַרטן נאָך יידישע כאַזיירים אויף אונדז.

— שנעלער! — האָט דער צווייטער אַ הויב געטאָן אַן אייזערנע פויסט.

די מאַמע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פלאַץ:

— לאָז אים אָפּ.

— אַוועק, שמוציקע יידישקע! — האָט זי דער נאַצי אַ שטויס געטאָן פון זיך.

הערשל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פלאַץ, איז צוגעלאָפן צום נאַצי און מיט זיינע פויסטלעך גענומען קלאַפּן אין יענעמס בויך.

דער נאַצי האָט אים אַ שליידער געטאָן פון זיך און הערשל איז צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צום טיש און זיך איבערגעקערט.

הערשלס טאַטע האָט אַרויסגענומען דאָס לעצט ביסל געלט, וואָס ער האָט יאָרנלאַנג געשפּאָרט, און עס איבערגעגעבן די נאַצים.

— איצט, נעם דאָס בערשטל און שרייב אָן אויפן פענצטער, וואָס איך וועל דיר זאָגן. שרייב: „דאָ וואוינט אַ כאַזערשער ייד.״

אַלע זיינען ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

— וואָס שטייסטו? — האָט אַ בייזע שטים געדונערט.

דער טאַטע איז געווען צעכושעמט. דער נאַצי האָט געפירט דעם טאַטנס האַנט מיטן בערשטל.

די נאַצים זיינען אַוועק און איבערגעלאָזן אַ ווילד כויזעקדיק געלעכטער, וואָס האָט געגראַבלט איבערן האַרץ, ווי מיט אייזערנע קעמלען.

קיינער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. מיט געבויגענע קעפּ איז מען געזעסן שטיל. די אויגן זיינען געווען פאַרמאַכט. נאָר פאַר די אויגן האָבן געטאַנצט ווערטער: „דאָ וואוינט אַ כאַזערשער ייד.״

הערשל איז געזעסן אַ פאַרקלעמטער, נאָר די פויסטן האָבן זיך געביילט:

— וואַרט, ווען איך וועל גרויס ווערן — — —

אין פאַבריק

● נאָכעם יוד

עס רוישן מאָטאָרן ווי בינען,
אין טומל איז קוים וואָס מע הערט...
און אַרבעטער איבער מאַשינען —
ווי רייטער אויף שטאָלענע פערד.

עס זיצן די מענטשן געבויגן,
פון שרעקלעכן אימפּעט געשפּאַנט,
און אָנגעשטרענגט זיינען די אויגן —
נאָר זיכער און פלינק איז די האַנט.

זיי טרייבן אַזוי פון באַגינען
ביז אוונט די שטאָלענע פערד...
עס קלאַפּן און רוישן מאַשינען,
אין טומל איז קוים וואָס מע הערט.

ערגער פון אַ גאַנעוו

• שאָלעם אַלייכעם

מיר האָבן שוין געהאַלטן מיטן סטרייק גאַנץ ווייט. איך און מיין כאַווער מענדל האָבן זיך שוין צוגעגרייט, ווי מען גרייט זיך צו צו דעם פערטן יולי. דעמאָלט איז אַ יאָנטעוו אין אַמעריקע. מען שיסט אויף דער סטריט מיט די פייער־קרעקערס, און עס טרעפט זיך, זאָגט מען, אַז מע דערהאַרגעט אַ מענטשן. אַ קליינינקייט — דער פערטער יולי? דאָס איז דאָך דער טאָג, וואָס די פאַריייניקטע שטאַטן האָבן זיך באַפרייט פון די טאַנים...

איך און מענדל זיינען שוין געווען יאָנטעוודיק. איז אונדז פאַר־שטערט געוואָרן די סימכע. אויף קאַנעל סטריט האָט מען געשלאָגן אַ מענטשן. די יעדיע האָט אונדז געבראַכט פיני. ער איז געווען אויפן אָרט און געזען דעם צעשלאָגענעם. ער זאָגט, אַז דער מענטש האָט פאַרדינט דעם טויט. ער איז געווען, זאָגט ער, אַ גענגסטער.

פרעגט אים די מאַמע:

— וואָס הייסט אַ גענגסטער? אַ גאַנעוו?

זאָגט פיני:

— ערגער פון אַ גאַנעוו!

פרעגט אים די מאַמע:

— אַ גאַזלען?

זאָגט פיני:

— ערגער פון אַ גאַזלען!

פרעגט די מאַמע:

— וואָס קאָן זיין ערגער פון אַ גאַזלען?

זאָגט פיני:

— אַ גענגסטער איז ערגער פון אַ גאַזלען. וואָרים אַ גאַזלען איז אַ גאַזלען, און אַ גענגסטער איז אַ געדונגענער גאַזלען. דעם מענטשן האָט מען געדונגען, ער זאָל שלאָגן די סטרייקערס. איז ער באַפאַלן אַ מיידל אַ סטרייקערין און האָט זיך פאַרמאָסטן זי צו שלאָגן. האָט

זי געמאַכט אַ גערואַלט, זיינען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן און ס׳איז אַרויס אַ געשלעג... מער האָט מען פון פינין ניט געקאָנט אַרויס־באַקומען גאָרנישט. ער האָט אַרומגעשפּאַנט מיט זיינע לאַנגע פיס הין און צוריק. ער האָט געפינעט מיט דער נעשאָמע. ער האָט גע־שפּריצט מיט פייער. ער האָט זיך געריסן בײַ די האָר און געשאָטן מיט ווערטער און מיט נעמען:

— איי־איי, קאָלומבוס! איי־איי, וואַשינגטאָן! איי־איי, לינקאָלן!

דער סאָף איז געווען — פּיני האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַנטלאָפן!

צוויי פּאָר הויזן

אַ כעלעמער האָט זיך געלאָזט מאַכן אַן אַנצוג.

האָט אים זיינער אַ באַקאַנטער גערעטן צו מאַכן זיך פון דעם זעלביקן שטאָף צוויי פּאָר הויזן.

אין אַ צייט אַרום טרעפט דער באַקאַנטער דעם כעלעמער אין אַ נייעם אַנצוג און ער פרעגט אים:

— נו, האָסטו זיך געלאָזט מאַכן צוויי פּאָר הויזן?

— יאָ — האָט דער כעלעמער געענטפערט — ס׳איז טאַקע גוט, נאָר ס׳איז מיר צו וואַרעם אין די פיס.

אַ ניו־יאָרקער בילד

● א. רייזען

גע‌ביידעס אומגעהייער —
די גרעסטע אין דער וועלט,
דאָך וואוינונגען די קלענסטע
און לופט פאַר קינדער פעלט.

נו, פירט באַטאָג די מוטער
אַרויס אין גאַס איר קינד;
עס איז אַ טאָג אַ קאַלטער,
אַנטקעגן יאָגט אַ ווינט.

זי קערעוועט דאָס וויגל
און זוכט אַ וואַרעמע זייט;
זי האָט פון ווינט דעם קאַלטן
דאָס ליבע קינד באַפרייט.

דאָך הויך זיינען די הייזער,
אין שאָטן ליגט די גאַס;
זי זוכט און האָט געפונען
אַ שמאָלן זונען־פאַס...

דאָס קינד אין וועגל שמייכלט,
ווי ס׳וואָלט געוואוסט דערפון:
די מאַמע האָט געפונען
פאַר אים אַ ביסל זון...

די בעסטע סכוירע

אויף אַ שיף, וועלכע איז געשוואומען אין ווייטע לענדער, זיינען געפאָרן פיל סאָכרים, וואָס האָבן געפירט פאַרשיידענע סכוירעס. זיי האָבן געשמועסט וועגן מיסכער, געוויזן איינער דעם צווייטן זייערע סכוירעס, געקויפט און געביטן זיך מיט זיי.

צווישן די סאָכרים איז געזעסן אַ געלערנטער.

— וואו איז דיין סכוירע? — האָט מען אים געפרעגט.

— מיין סכוירע וועל איך ווייזן, ווען מיר וועלן קומען אין לאַנד— האָט געענטפערט דער געלערנטער.

די סאָכרים האָבן זיך געוויצלט איבער אַזאַ סכוירע, וואָס מען זעט זי ניט און זי פאַרנעמט קיין אָרט ניט אויף דער שיף.

אויפן וועג זיינען אויף זיי אָנגעפאַלן יאַם-רויבער און צוגענומען די גאַנצע סכוירע. ווען די שיף איז אָנגעקומען אין לאַנד, זיינען אַלע סאָכרים אַראָפּ הוילע און נאַקעטע. זיי האָבן אַפילע ניט געהאַט אויפן ערשטן כּאַלצייט. אויפן געלערנטן מענטשן אָבער האָבן געוואַרט פיל טאַלמידים זיינע און פאַרערער. מען האָט אים באַגעגנט מיט גרוים קאָוועד.

דעמאָלט האָבן די סאָכרים פאַרשטאַנען, אין וואָס באַשטייט זיין סכוירע. זיי זיינען צו אים צוגעגאַנגען און האָבן געזאָגט:

— גליקלעך ביסטו, געלערנטער, מיט דיין סכוירע. איצט ווייסן מיר, אַז זי איז די בעסטע: זי ווערט ניט גערויבט און גייט ניט פאַרלאָרן.

[אַגאָדע.]

נאַטע גייט אין שפּייז־קרעמל

● וואָלף יונין

נאַטע, זאָגט די מאַמע, זיי אַ גוטער —
כאַפּ אַרויף אויף זיך דאָס לעדערנע זשאַקעטל
און ברענג מיר פון דעם שפּייז־קרעמל
דעם גאַנצן צעטל:
אַ פלעשל מילך. אַ האַלב פונט פּוטער.
פיר פרישע אייער. אַ פּושקע שפּראָטן
און אַ שטיקל זייף צו שייערן די טעפּ.
בעט אין יידיש, זאָגט אים אָן די מאַמע אויף די טרעפּ.

איז דאָך נאַטע זייער געראָטן,
גיט ער זיך אַ גליטש פון אַלע טרעפּ
און מיט איין שפּרונג — באַץ־אַריין אין קרעמל.
כאַפּט זיך נאַטע, אַז ער האָט פאַרגעסן
דער מאַמעס צעטל אויפן עס־טישל אין קיך;
גיט ער זיך אַ ווענד צום קרעמער:
קרעמער, כ׳בעט איך, גיט מיר, גיך —
אַ פלעשל אייער.
אַ שטיקל מילך.
אַ פּושקע לעדערנע זשאַקעטן,
און שפּראָטן ווייך ווי פּוטער
צום שייערן די טעפּ.

גיט אַ שאָס אַרויס מיט אַ געלעכטער
אי דער קרעמער, אי די גאַנצע קראָם מיט קונדן;
ווערט ער, נאַטע, אָנגעצונדן
און — הענדום־פּענדום צו דער מאַמע זיינער
מיט אַ גאַנצער טיינע:
יידיש — שמידיש —
אַניט פאַרשטייט ער דען, דער קרעמער?
פּע, ער מעג זיך שעמען!

דריי מאָל אַ שפּרונג

אַ ייד איז אַמאָל געקומען אין אַ פרעמדער שטאָט. פאַרפאַרט ער אין אַ גאַסטהויז. געפינט ער דאָס הויז פול געפּאַקט מיט געסט, וואָס זיצן דאָרט אין ענגשאַפט. זעצט ער זיך אויך.

אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, וויל ער דאָרט בלייבן איבער־נעכטיקן. די געסט האָט דאָס אָבער, ווייזט אויס, ניט געשמעקט. רופט זיך אָפּ איינער פון די געסט צו אים:

— ליבער פריינט! באַ אונדז איז שוין אַזוי אָפּגעמאַכט, אַז מען נעמט ניט צו קיין גאַסט אויף נאַכטלעגער, ביז ער טוט ניט דריי מאָל אַ שפּרונג פונעם טיש צו דער טיר.

— רעכט! — זאָגט דער ייד — איך ווייס אָבער ניט, ווי מען טוט דאָס. זאָל איינער פון אייך דאָס מיר פריער ווייזן, וועל איך אים נאָכטאָן.

הייבט זיך אויף דער גאַסט, גיט איין שפּרונג — און ער איז שוין אין מיטן צימער; אַ צווייטן שפּרונג — און ער איז באַ דער טיר; אַ דריטן שפּרונג — און ער איז פון יענער זייט טיר.

כאַפּט דער ייד און פאַרשליסט די טיר און זאָגט דערביי מיט אַ שמייכל:

— וואָס עס האָט געזאָלט זיין מיר, זאָל אויסגיין צו דיר.

[אגאָדע.]

> **ווער עס גראָבט אויף יענעם אַ גרוב פאַלט אין אים אַליין אַריין.**

אַ לענדלאָרד

מאָריס ראָזענפעלד ●

איך בין אַ לענדלאָרד און פאַרמאָג
אַ הויז מיט טויזנט לעבער,
דאָס ברענגט די איינוואוינער נאָר קלאָג,
דאָך ווערט עס טייערער פון טאָג,
עס שטייגט דער רענט אַלץ העכער.

די שכיינים שרייען, איך לאָך זיך אויס!
זיי קאָנען גאָרניט מאַכן —
איך היים, מע שליידערט זיי אַרויס
אין גאַס מיט זייערע זאַכן.

עס שרייט די וועלט: — עס איז אַ צאַר!
וואו קריכט עס מיר אין פּייע!
איך זיץ און רויכער מיין ציגאַר
און צייל מיר די מאַטבייע.

אַכמעד און זיין קעמל

1.

האַסאַן איז געווען אַ קעמל-פירער און האָט געוואוינט אין גאַזאַ. ער האָט געדאַרפט גיין מיט קאַראַוואַנען אַהין און צוריק איבערן מידבער צום סועץ-קאַנאַל און העלפן אַכטונג געבן אויף די קעמלען. ער האָט געהאַט אַ פרוי און איין זון, אַכמעד.

האַסאַן איז שוין פיל וואָכן נישט געווען אין דער היים. דורך אַן אַנדער קעמל-פירער, וואָס איז ערשט צוריקגעקומען מיט אַ קאַראַוואַן פון סועץ, האָט זיין פרוי דערהאַלטן אַ גרוס פון אים.

אין דעם גרוס האָט האַסאַן אויך געבעטן:

— שיק אונדזער זון מיט דעם קעמל צום סועץ. באַלד גייט אַפּ פון אייך אַ קאַראַוואַן. איך האָב אַ ביסל סכוירע אַהיימצוברענגען. אין סועץ וועל איך וואַרטן, ביז ער וועט קומען מיטן קאַראַוואַן.

אַכמעדס מוטער האָט ווי געטאָן צו שיקן איר זון אַליין אויף אַזאַ רייזע. זי האָט אָבער צו זיך אַליין געזאָגט:

— אַכמעד איז שוין איצט גענוג אַלט אַרויסצוהעלפן זיין פאָטער.

אַכמעד האָט זיך געזעגנט מיט זיין מוטער און איז אַוועק מיט דעם קאַראַוואַן.

אין מיטן טאָג האָט מען זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ פּלאַץ, וואו ס'איז געווען שאָטן און וואַסער.

בײַנאַכט האָט די גרופּע זיך אָפּגעשטעלט רוען. די קעמלען האָבן זיך אַנידערגעלייגט. מע האָט אָנגעצונדן פייערן און צוגעגרייט עסן.

2.

איינמאָל מיטאָג-צייט איז אָנגעקומען איינער פון די שרעקלעכע ווינטן, וואָס טוען אַן שרעקלעכע צאָרעס די קאַראַוואַנען. דער הייסער זאַמד הויבט זיך אויף אין דער לופטן ווי אַ וואָלקן. ער פאַרשטאָפּט די נאָזלעכער און מאַכט בלינד.

די מענער זיינען אַראָפּ פון די קעמלען און זיך געלייגט מיט די פּנעמער צו דער ערד.

נאָכן שטורעם האָבן זיי געפּרואווט פאַרזעצן זייער רייזע. דער אַנגעבלאָזענער זאַמד האָט אָבער אַזוי באַדעקט דעם וועג, אַז אַלע שפּורן זיינען פאַרווישט געוואָרן.

די קעמל־פירער, וואָס האָבן געפירט דעם קאַראַוואַן, זיינען גע־שטאַנען שטיל און האָבן נישט געוואוסט וואו צו גיין. האָבן זיי באַ־שלאָסן צו רייזן אין דער ריכטונג, וואו די זון גייט אונטער. מ'האָט געהאָפט דאָך צו געפינען דעם ריכטיקן וועג. דערווייל איז די נאַכט אָנגעקומען און מע האָט נישט געפונען דעם וועג און אַפילו נישט דערגרייכט קיין פלאַץ, וואו מ'קאָן אָנפילן די ליידיקע וואַסער־פלעשער.

3.

דער יונגער אַכמעד האָט געליטן פון שרעקלעכן דורשט, פונקט ווי אַלע אַנדערע. ער איז געוואָרן אַזוי מיד, אַז ער איז געווען צופרידן אָוועקצולייגן זיך לעבן זיין קעמל און איינשלאָפן.

אין מיטן דער נאַכט איז ער וואַך געוואָרן פון דעם רויש פון אַ פּאָר שטימען. ער האָט דערהערט, ווי דער הויפּט־פירער זאָגט צו איינעם פון די סאָכרים, אַז אויב מ'וועט נישט געפינען קיין וואַסער דעם קומענדיקן טאָג, וועט מען מוזן דערהאַרגענען איין קעמל, קעדיי צו קריגן דאָס וואַסער, וואָס געפינט זיך אין זיין מאָגן. (אַזוי טוט מען אָפט, ווען מ'איז אין גרויסער נויט אין מידבער. דער קעמל איז אַזוי געבויט, אַז ער קאָן האַלטן אַ סאַך וואַסער אין זיין מאָגן.)

אַכמעד האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ווען ער האָט דערהערט, ווי דער סוחער זאָגט, אַז מ'זאָל דערהאַרגענען אַכמעדס קעמל.

אַכמעד איז שוין מער נישט געשלאָפן. זיין האַרץ איז געווען פול מיט צאַר. ער האָט באַשלאָסן, אַז זיין קעמל טאָר נישט שטאַרבן.

אין דער נאַכט, ווען אַלץ איז געווען שטיל און דער סוחער מיטן קעמל־פירער זיינען געשלאָפן, איז אַכמעד אויפגעשטאַנען. ער האָט צערטלעך געגלעט דעם האַלדז פון זיין קעמל און אים אויפגעוועקט.

ער איז געפֿאָרן, ביז ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. די זון איז אָנגעקומען פֿון דעם עק פֿונעם מידבער און איז אַרויף העכער און העכער. אַכמעד האָט זיך געפֿילט שוואַך, מיד און דורשטיק און ער האָט זיך קוים געקאָנט האַלטן אויפֿן קעמל. ווען ער האָט אָבער געטראַכט פֿון זיין פֿאָטער און מוטער, האָט ער ווידער באַקומען מוט און זיך געהאַלטן בראַוו.

די זון איז איצט געווען אין דער העכסטער הויך. אַכמעדן האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט פֿון ווייטנס אַ פֿאַלמע-בוים. דער קעמל האָט דאָס אויך דערזען, ווייל ער האָט אויפֿגעהויבן זיין קאָפּ און פֿאַרשנעלערט זיינע טריט.

ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און זיי האָבן דערגרייכט אַן אָאַזיס.

אַכמעד איז אַראָפּ פֿון דעם קעמל און באַלד האָט ער געפֿונען וואַסער. ער האָט אָנגעשעפּט זיין פֿלעשל און געטרונקען. דער קעמל האָט זיך אָוועקגעלייגט, אויסגעצויגן זיין לאַנגן האַלדז און דורשטיק געזויגן דאָס קילע וואַסער.

דערפֿרישט און אויסגערוט, האָט אַכמעד איצט געקאָנט זעטיקן זיין הונגער מיט רייפֿע טייטלען פֿון דעם פֿאַלמע-בוים. דער קעמל האָט געקייט די אַרומיקע גראָזן און בלעטער.

אַכמעד האָט באַמערקט, אַז אַנדערע רייזנדע זיינען דאָ ערשט נישט לאַנג געווען, ווייל דאָס גראָז בײַ די זייטן פֿון וואַסער איז געווען צעטראָטן. דאָס האָט אים דערפֿרייט, און ער האָט שנעל נאָכגעפֿאָלגט זייערע שפּורן.

מ׳קאָן קוים באַשרייבן די פֿרייד פֿון דעם פֿאָטער און דעם זון, ווען זיי האָבן זיך דערזען. קיינער אין דעם גאַנצן קאַראַוואַן איז נישט געווען אַזוי גליקלעך ווי האַסאַן, וועלכער האָט איצט געהאַט לעבן זיך זיין באַליבטן זון אַכמעד.

[יידיש: א. לייב.]

פרילינג

● נאָכעם יוד

טייכן רוישן פולע, ברייטע,
קלאָר און בלוי דער הימל;
אָט האָט שוין דער שטיפער פרילינג
אויפגעוועקט פון דרימל

אַלע וועלדער, אַלע טייכן,
אַלע בערג און קוואַלן;
און זיי פינקלען און זיי שיינען
אין די העלע שטראַלן.

און אַ צוויטשעריי, אַ טומל
קומט פון אַלע זייטן,
שאַ! דער ערשטער דונער הילכיק
קייקלט זיך פון ווייטן.

זומער טוט ער אָן דעם פעלץ,
ווינטער טוט ער אויס דעם פעלץ.
אַ בוים

צו גאַסט באַם זיידן ווינטשעווסקי

• י. א. ראַנטש

עס איז געווען אין דער וואָך פון זיידנס 72-יאָריקן געבורטסטאָג. איך האָב פאַר דער עלטערער גרופע דערציילט זיין ביאָגראַפיע און פאָרגעלייענט עטלעכע לידער.

אין פאַרלויף פון שמועס איז באַשלאָסן געוואָרן: באַגריסן דעם זיידן צו זיין געבורטסטאָג און שיקן אים אַ בוקעט בלומען.

מ׳האָט געבראַכט קליינגעלט, אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג און באַשלאָסן: צוויי קינדער קויפן דעם בוקעט און צוויי גייען צום זיידן אים איבערגעבן די בלומען.

אונדז האָט אויפגענומען זיין טאָכטער. זי האָט צוגענומען די בלומען און זיי אַריינגעשטעלט אין אַ זילבערנער וואַזע, וואָס דער זיידע האָט געהאַט באַקומען פון אַן אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע.

דער זיידע האָט זיך באַגריסט מיט די קינדער, נאָכגעפרעגט זיך, ווי זיי הייסן, עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט זייערע נעמען, געגלעט דעם יינגל איבער די פּלייצעס, האַרציק געלאַכט, אָנגעקוואָלן פון די קינדער.

ס׳איז אים שווער געווען צו רעדן, און אַ סאַך פראַזן האָבן די קינדער ניט געקאָנט פאַרשטיין. דאָך האָט מען זיך באַלד צוזאַמענגערעדט און מ׳איז געוואָרן היימיש. בעני איז געוואָרן רעדעוודיק און האָט געשטעלט דעם זיידן פראַגעס. מיריעם איז נאָך אַלץ געזעסן אַ פריידיק-צעטראָגענע און די צונג האָט איר ניט געדינט.

מען האָט דערלאַנגט פרוכט און טיי. איך האָב דערווייל געוויזן די קינדער די ביבליאָטעק, וואָס פאַרנעמט אַלע ווענט פון צימער.

יעדע שפראַך האָט זיך אירע שאַפעס. די קינדער האָבן מיט אַנטציקונג אויסגערופן:

— יידיש, רוסיש, ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, העברייאיש!

דער זיידע האָט זיי נאָכגעפאָלגט מיט שמייכלענדיקע בליקן און האַרציק געלאַכט דורך די גערדיכטע וואָנצעס.

די טאַכטער זוכט אַ פּאָרטפעל, וואָס דער זיידע וויל האָבן. דאָרט ליגן בילדער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אָט האָט זיך שוין געפונען דער פּאָרטפעל. דער זיידע נעמט אַרויס אַ פּאַק מיט פאָטאָגראַפישע בילדער. ער דערקלערט פאַר די קינדער יעדעס בילד און זיינע אויגן גלאַנצן.

אָט זיצט ער אין אַ קרייז פון אַ הונדערט קינדער פון אַ קינדער־דאָרף לעבן באָברויסק; אָט זיצט ער מיט קינדער פון אַ שול, וואָס טראָגט זיין נאָמען, אין וויטעבסק; אָט איז אַ בילד פון אַ ריזיקער מאַסע, וואָס האָט אָפּגעוואַרט דעם זיידן בײַ אַ וואָקזאַל, און רויט־אַרמייער אויף פערד, וואָס צאַמען דעם נייגעריקן עולם.

ווידער אַ בילד פון זיידנס אָנקומען אין אַ שטאָט. די באַן־אָנגעשטעלטע סאַלוטירן און די מיליץ מיט די ביקסן אין די הענט גיבן אָפּ קאָוועד דעם גרויסן גאַסט.

דער זיידע זוכט עפּעס אין פּאָרטפעל און גיט אַ שמייכל, ווען ער געפינט אַ פּעקל, אין וועלכן עס ליגט דאָס רויטע פּיאָנערן־טיכל, וואָס ער האָט באַקומען אַ מאַטאָנע.

ער הייסט מיריעמען דאָס אָנטאָן און ער קוועלט אָן פון איר. אויפן טיכל איז אויסגענייט מיט גאָלדענע אויסיעס אין יידיש:

„דעם ערן־פּיאָנער מ. ווינטשעווסקי אַ מאַטאָנע.“

דער זיידע רופט צו די קינדער און הייסט זיי מיטנעמען דאָס טיכל פאַר דער שול אַ מאַטאָנע. איך פּרוּוו אים אָפּרעדן דערפון. דאָס זעלביקע טוט די טאָכטער, נאָר דער זיידע וויל ניט הערן דערפון. און ווען די קינדער דאַנקען אים, דריקט ער זיי צו זיך און קושט זיי אויף די באַקן. איך זע, ווי אויף זיינע אויגן פּערלען זיך טרערן.

איך גיב זיך אַ כאַפּ, אַז מיר זיצן שוין בײַ צוויי שאָ, און מיר הייבן זיך אָן געזעגענען. דער זיידע וויל וויסן מער וועגן דער שול. ער זאָגט צו די קינדער:

— ווען איך וועל זיך פילן שטאַרקער, וועל איך קומען צו אייך אין שול. איצט בין איך שוואַך.

די קינדער דערציילן אים, אַז אַלע קינדער האָבן זיך געריסן קומען

אים זען. דאַן זאָגט דער זיידע, אַז עס האָבן געקאָנט קומען מער קינדער.

ער צעקושט זיך ווידער מיט די קינדער און, דערוויסנדיק זיך, אַז מיר גיבן אַרויס אַ זשורנאַל, בעט ער די קינדער, זיי זאָלן ניט אַריינשרייבן, אַז ער האָט זיי געקושט. און דערביי צעלאַכט ער זיך מיט אַ יונג געלעכטער...

מיין קעניגרייך

● יעהויאָש

איך האָב אַ קעניגרייך,
און וואָס איז דיין באַגער?
צו זיין אַ וואַסער-בלום אין טייך,
אין מיטן טייך זיך וויגן הין און הער...

איך האָב אַ צויבערשטאָק,
און וואָס איז דיין פאַרלאַנג? —
צו זיין אַ זום-זום דורכן טאָג,
און שלומערן אין אָוונט אויף אַ זאַנג...

איך קום מיט אַלצדינג אָן,
וואָס קלייבסטו אויס דערפון?
צו זיין אַ טוי אויף רויטן מאָן,
און שימערן און אויסגיין אין דער זון...

כאַראַטע

● י. קרעפּליאַק

1.

די קינדער האָבן זיך פריילעך געטראָפן אויפן ראָג.

— העלאָ, סעמקע! — האָט נאָך פון דער ווייטן געשריען דער אויסגעשמירטער קאַמילאָ, שוין זומערדיק אָנגעטאָן און פאָכנדיק מיט אַ ביקסל אין האַנט.

סעמקע, נאָך אין די ווינטערדיקע קליידער, האָט זיך געוואונדערט אויף קאַמילאָס זומערדיקן אָנטאָן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ווייז דאָס ביקסל!

— אָט איז דזשימי! — האָבן זיך ביידע אַ כאַפּ געטאָן.

דזשימי, אַ דאַרער, אַ געלער, אין גאַנצן אין זומער־שפּרינקעלער, מיט אַ דין פאַרריסן נעזל, איז זיך געגאַנגען פּאַמעלעך, מיט די הענט



אין די קעשענעס, דעם קאָפּ אַריינגעצויגן אין די אַקסלען, ווי ס׳וואָלט אים קאַלט געווען.

— לילי קומט! — איז אונטערגעשפּרונגען קאַמילאַ.

— העלאָ, לילי! — האָט סעמקע זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— העלאָ, סעמי! — איז לילי געלאָפן צוגעקומען און האָט פאַר־שאַרט מיטן הענטל אירע יינגליש־געשאָרענע האָר.

באַלד איז צוגעקומען ביטרים מיט אַ שפּרונג־שטריק אין האַנט.

פון אַלע זייטן זיינען געקומען קינדער, אַפילו דער פיר־יאָריקער הערעלע, דעם הויז־וועכטערס יינגעלע, אין גרויסע שיך און אין נאָך אַ גרעסערן היטל. דאָס היטל האָט זיך אים אַראָפּגערוקט איבערן נעזל.

די מיידלעך טאַנצן, שפּרינגען. די יינגלעך שפּילן באַל און לויפן מיט אַ טומל פון איין טראָטואַר אויפן צווייטן. נאָר דער קליינער הערעלע שטייט לעבן קעלער, גיט זיך קיין ריר ניט, נאָר וואַרעמט זיך אויף דער זון און קוקט נאָך יעדער באַוועגונג פון די קינדער.

— דזשי, היינט איז וואַרעם — זאָגט סעמקע אַ פאַרשוויצטער.

— לאָמיר גיין אין פּאַרק צו די קוואַלן — כאַפּט זיך אַרויס קאַמילאַ.

— זאָל זיין אין פּאַרק — זאָגט דזשימי.

— אין פּאַרק, אין פּאַרק! — ווערט אַ גערודער צווישן די קינדער.

— ניין, ס׳איז נאָך קאַלט, די מאַמעס וועלן ניט לאָזן — רופט זיך אָפּ אַ מיידל.

— וואָס איז דיין דייגע? — שפּרינגט צו קאַמילאַ אַ צעקאָכטער.

סעמקע דרייט זיך דערווייל צווישן די יינגלעך, שטורכעט יעדערן מיט אַ פינגער:

— דו וועסט גיין! דו וועסט גיין!

יעדער יינגל נעמט צו דעם שטורך ערנסט, ווי זיי וואָלטן געווען גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער. דאָס קליינע הערעלע האָט זיך דערווייל צוגעשאַרט מיט די גרויסע שיך צו אַלע יינגלעך. זעענ־דיק, אַז סעמקע שטורכעט אים ניט אין האַרצן, האָט ער פאַרריסן דעם קאָפּ, געטייטלט אויף זיך אַליין מיטן פינגער און גערופן:

— מיך אויך...
סעמקע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט שפּאָט:
— נאָך צו קליין. וועסט גיין מיט דיין מאַמען.
לילי איז צוגעשפּרונגען אַ פאַרפּלאָנטעטע:
— מיר, מיידלעך, גייען אויך.
— גוט — האָט סעמקע געזאָגט.
— ניין! — זשמורעט דזשימי זיינע העלע אויגן — זייערע מאַמעס וועלן שרייען און מיר'ן זיין שולדיק.
— נ'יין, מ'דאַרף ניט! — האָבן די יינגלעך אויפגעהויבן אַ געשריי.
— מיר'ן יאָ גיין! — האָבן געשריען די מיידלעך און זיך אויסגעמישט מיט די יינגלעך.
— איר וועט ניט גיין!—האָבן זיך די יינגלעך אָפּגעטיילט פון זיי.
— מיר דאַרפן זיי ניט, מיר'ן פּונקט אַזוי טרעפן ווי זיי! — האָט ביטרים געשריען.

— אָבער וואו די קוואַלן זיינען, ווייסט איר ניט — האָט קאַמילאַ אַרויסגעשטעלט אַ צונג...

די יינגלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן לויפן צום פּאַרק און דאָס קליינע הערעלע מיטן אַרויסגעשטעלטן בייכל פון הינטן נאָך זיי.

2.

אין פּאַרק זיינען ווי דורך דער נאַכט גרין געוואָרן גאַנצע שטיקער פון די לאָנקעס.

ווי אַ מאַכנע שפּערלעך האָבן זיך די קינדער אַ לאָז געטאָן איבער לאָנקע און שטעג. באַלד זיינען זיי שוין געקראָכן אויף די פעלזן. סעמי, דזשימי און קאַמילאַ און נאָך אַנדערע יינגלעך האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן צו די קוואַלן אין טאָל.

שלענגלען זיך פרישע פרילינג־וואַסערלעך, קריכן אַריין אין דער ערד און קומען אַרויס צוריק נאָך מער געלייטערט.

קאַמילאַ שפּרינגט איבער די שטאַמען פון די אויסגעהאַקטע ביימער. סעמקע לויפט זוכן אַ ברעט אויף אַ הוידע. און דזשימי רייסט אַ צווייגל פון אַ נוסבוים, כאָטש ער ווייס, אַז מען טאָר ניט.

נאָר הערעלע האַלט זיך פון דער וויטן. ער איז אַ מענטש פאַר זיך. די ערשטע זאַך איז ער אַריין מיט די גרויסע שיך אין וואַסער און זיך דורכגעשפּאַצירט הין און צוריק. דערנאָך האָט ער געפונען אַ פּאַפּירן קעסטעלע, געגאָסן אין דעם קעסטעלע וואַסער און זיך גע־וואונדערט, פאַרוואָס עס ווערט ניט פול.

— מיר האָבן אַ ברעט! — שרייט סעמקע — דזשימי, קאַמילאַ, קומט זיך הוידען!

3.

הוידען זיך די קינדער אַרויף־אַראָפּ. סעמקע פון איין זייט, דזשימי פון דער צווייטער און קאַמילאַ אין מיטן. דאָ הייבט מען זיך אויף אַזוי הויך־הויך, אַז עס ווערט אַזש קיל אין האַרצן און אָט פאַלט מען, דאַכט זיך, נאָר געשעדיקט צו ווערן...

— די מיידלעך גייען! — הייבט זיך פלוצלונג אויף אַ געשריי.

— ניט צולאָזן צו די קוואַלן! — האָט דזשימי אַ זאָג געטאָן צו די יינגלעך.

— לאָמיר זיי גאָר פאַרטרייבן! — האָט זיך אויפגעקאָכט קאַמילאַ.

די יינגלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די מיידלעך. קאַמילאַ האָט אַ כאַפּ געטאָן ביטריסן. דזשימי האָט געוואָלט אַ כאַפּ טאָן אַן אַנדערע, האָט ער זיך דערווייל אויסגעגליטשט אין נאַסן ליים. באַ די מיידלעך איז געוואָרן אַ גערעכטער.

סעמקע האָט זיך געיאָגט נאָך לילקען, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט פון זיינע הענט און איז געלאָפן ווילד.

ביטריס האָט זיך אַרויסגעריסן פון קאַמילאָס הענט און אים אַליין אומגעוואָרפן.

— ס׳איז דיין פּאַרק? ס׳איז אייער פּאַרק?

די מיידלעך האָבן געזיגט. צוערשט האָט מען זיך נאָך געשפּילט באַזונדער. באַלד האָט מען זיך שוין געשפּילט צוזאַמען און די הוידע האָט זיך געהוידעט איבערן קלאָץ אַרויף־אַראָפּ.

אויף איין עק זיינען שוין געזעסן לילקע מיט ביטריסן, אויף דעם צווייטן עק — סעמקע מיט דזשימין און קאַמילאַ שטייענדיק אין באַלאַנס.

— לאָמיר זיי אָפּטאָן אַ שפּיצל — האָט שטיל אַ זאָג געטאָן דזשימי צו סעמקען — מירן אַראָפּשפּרינגען פון ברעט — זאָלן זיי זיך קייקלען.

— גוט.

זיי האָבן אַראָפּגעווויגט דאָס ברעט צו דער ערד און באַלד אָפּגעלאָזן. די ערשטע איז געפאַלן לילקע און אויף איר ביטריס.

לילקע האָט זיך אויפגעהויבן אַ צעבלוטיקטע. די מיידלעך האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי:

— בלוט, בלוט! גיכער, וואַסער אַהער!

קאַמילאַ האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער איז גלייך אַנטלאָפן. דזשימי איז געשטאַנען מיט די הענט אין די הויזן און פאַרלאָרן געשמייכלט. סעמקע האָט זיך צוגעבויגן צו לילקען און זיך געשוואָרן:

— ס'איז געווען אויף אַ שפּאַס, אויף מיין וואָרט אויף אַ שפּאַס!

— אַוועק! — האָט אים ביטרים געטריבן — וואָלסטו זיך אַזוי צעקלאַפּט דעם קאָפּ!

— ווײַן ניט. אויף מײַן וואָרט, ס'איז געווען אויף אַ שפּאַס — האָט אַלץ געזעדט סעמקע — זעסט, איך וועל מיין קאָפּ אויך אָפּ־קלאַפּן.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אונטערן זעלביקן בוים, וואָס לילקע, און זיך גענומען קלאַפּן דעם קאָפּ אין בוים און פרעגן לילקען:

— גוט, אַ?

לילקע האָט אויפגעהערט צו וויינען.



ווידער איז דער מיי געקומען

● מאָרים ראָזענפעלד

ווידער איז דער מיי געקומען
מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראַכט.
אַלע גראָזן, אַלע בלומען
האָבן ווידער אויפגעוואַכט.

ווידער בליט עס אויף די פעלדער,
ווידער גרינט עס אין די וועלדער,
ווידער גלאַנצט עס איבעראַל,
ווידער זינגט די נאַכטיגאַל.

ווידער נעמט דער פרילינג מאָלן
מיט זיין פּענדזל; וואו ער שמירט,
ווערן בערג און ווערן טאָלן,
ווערט די ערד מיט גרינס באַצירט.

דעבס

● נ. גראָס

אין קענטאָן, אָהייאָ, האָט דאָס געטראָפן. דעבס האָט דאָרטן גערעדט פאַר אַן אַרבעטער-אוילעם. ער האָט גערעדט קעגן מילכאָמע און פאַר שאָלעם.

— איך וואָלט ליבערשט וועלן זיין טויזנט מאָל אַ פרייער מענטש אין טפיסע, איידער אַ ליגנער און פאַררעטער — אין גאַס!

אַזוי האָט גערעדט דעבס. ער האָט אויך געזאָגט, אַז בעשאַס עס קומט צו מילכאָמע, פרעגט מען קיינמאָל ניט דאָס פאָלק, צי עס וויל מילכאָמע אָדער ניט. די שטאַרקע, די רייכע זיינען אַלעמאָל די, וואָס דערקלערן מילכאָמע. זיי אַליין גייען זיך ניט שלאָגן. זיי אַליין היטן זיך פאַרן טויט. זיי שיקן זייערע אַרבעטער אין מילכאָמע, זיי זאָלן זיך שלאָגן פאַר זייערטוועגן. זיי פאַרלירן קיינמאָל גאָרניט, און געווינען — געווינען זיי אַלץ.

— מיר ווילן ניט קיין מילכאָמע. מיר ווילן ניט האַרגענען די מענטשן פון אַנדערע לענדער. מיר טראָגן ניט קיין האַס און קיין סינע אויף מענטשן פון אַנדערע לענדער. מיר קריגן זיך ניט מיט זיי און זיי קריגן זיך ניט מיט אונדז. די רעגירער — זיי רופן אונדז פאַר־רעטער. פאַר זאָגן דעם עמעס און פאַר פאָדערן גערעכטיקייט — פאַרשפאַרן זיי אונדז אין געפענגענישן. זאָלן זיי.

מען האָט דעבסן אַרעסטירט. צוויי כאָדאָשים שפּעטער האָט מען אים געמישפּעט. ער האָט זיך געהאַלטן רואיק. אַז ער האָט באַקומען דאָס לעצטע וואָרט, האָט ער געזאָגט:

— איך האָב געזאָגט און זאָג: קאָלזמאָן ס'איז פאַראַן אַן אונטערדריקטער קלאַס — בין איך אין דעם קלאַס. קאָלזמאָן איינער איז געפאַנגען — בין איך ניט פריי.

יודזשין דעבס איז פאַרמישפּעט געוואָרן אויף 10 יאָר טפיסע.

הירש לעקערט

● ל. בערקאָוויטש

די זון אַזוי לויטער, דער טאָג אַזאַ לינדער,
איז וועל איך אַ מייסע דערציילן אייך, קינדער.
עס הייבט זיך אָן טרויעריק און לאָזט זיך אויס פריילעך:
אַמאָל און אַמאָל איז געווען אַ מיילעך.
אַ מיילעך אַ בייזער, אַ מיילעך אַ שלעכטער,
פלעגט פאַנגען די איידלסטע זין און די טעכטער
פון לאַנד און זיי שיקן אין צאָפן אין קאַלטן,
און פלעגט דאָרט אין פינצטערע טפיסעס זיי האַלטן.
עס האָבן נאָר קלאַנגען פון קייטן געקלונגען
אויף מונטערע טעכטער און העלדישע יונגען.
עס פלעגן די שווערע, די אייזערנע קייטן
אין וועג זיי צום צאָפן דעם קאַלטן באַגלייטן...

אין עלנט געבליבן איז מאַמע און טאַטע
אין שטאָטישן קעלער, אין דאָרפישער כאַטע.
דער מיילעך האָט פאַרביטערט מיט צאַר זייער לעבן,
און „צאַר" האָט דאָס פאָלק אים אַ נאָמען געגעבן.

פון צווישן די טעכטער און זין איז געווען
אַ זון, כאָטש אַ פּראָסטער, האָט קוים געקאָנט לעזן.
אַ פּראָסטער, נאָר ס'האַרץ זיינס געווען איז אַ ברייטס,
געווען שווער געפינען צו דעם נאָך אַ צווייטס.
פאַר אַלעמענס ליידן, פאַר אַלעמענס טרערן
האָט זיין האַרץ געליטן מיט ליידן, מיט שווערן.
און ער האָט דערהערט די פאַרשטיקטע געשרייען
פון אייז-קאַלטן צאָפן, דורך פרעסט און זאַווייען.
און פול איז געוואָרן זיין האַרץ, זיינע גלידער
מיט פיין פון דערשלאָגענע אָרעמע ברידער.

און ער האָט ניט רוען געקאָנט און ניט שלאָפן,
ביז ער האָט אין סוינע געצילט און געטראָפן....

און ס'האָט נאָך הירש לעקערט מיט גליך־שטאָלצע גלידער
געזאָגט: כ'האָב געלעבט און איך שטאַרב פאַר די ברידער.
און ער האָט אַ שטאָלצער געזאָגט צו זיין סוינע:
עס וועלן נאָך קומען הירש לעקערטס אַזוינע!

מען האָט אים געהאָנגען אין פעלד און פאַרשאָטן,
מיט פערדישע טלאָען זיין קייווער צעטראָטן.

עס זיינען זינט דעמאָלט אַריבער פיל יאָרן,
און ס'איז יענעם לאַנד שוין פריי געוואָרן.
פאַרשוואונדן די הערשאַפט, פאַרשוואונדן דער מיילעך,
און יעדער איז פריי דאָרט, און יעדער איז פריילעך.
און איצטער אין לאַנד, אין דעם לאַנד דעם באַפרייטן,
דערציילט מען: געווען איז אַ מיילעך פאַרצייטן...

קינדער

מ. ספעקטאָר

1.

דאָס האָט זיך געטראָפן נאָך דעמאָלט, ווען נאָטקע איז אַלט געווען צען יאָר און זיין כאַווער לייבל — צוועלף יאָר.

נאָטקע מיט לייבלען זיינען געווען צוויי כאַווירים, טאַקע ווי עמעסע כאַווירים דאַרפן זיין.

די פריינטשאַפט פון די צוויי יינגלעך איז באַקאַנט געווען אין דער גאַנצער שטאָט. אַפילע שמערל, דער וואַסער־טרעגער, האָט עס אויך באַמערקט.

איינמאָל האָט זיי פּלוצלונג אַ רוף געטאָן דער אַלטער שמערל. די כאַווירים האָט עס אַפילע געוואונדערט, ווייל אַ גאַנץ יאָר רופט זיי שמערל נאָר „ווייסע־כעווריע" און רעדט מיט זיי קיין וואָרט נישט. פונדעסטוועגן זיינען זיי צוגעגאַנגען.

שמערל האָט זיי ביידע אַ גלעט געטאָן איבער די בעקלעך, גע־שוויגן אַ ווײַלע און געקוקט אויף זיי מיט זייער אַ פריינטלעך פּאָנעם. די קינדער האָבן באַמערקט אויף זיין אַלט־צעקנייטשט פּאָנעם, אַז ער שעמט זיך עפּעס. נאָר פּלוצים האָט שמערל אָנגעהויבן רעדן מיט אַ ציטער:

— קינדערלעך... איך האָב אייך עפּעס צו בעטן... היינט איז פורים... באַלד קומט פּייסעך... און מיין אייניקל האָט אַפילע קיין פּאָר שיך נישט... זי זיצט שוין דריי כאָדאָשים אין שטוב און קאָן נישט אַרויסגיין אויף דער גאַס... איך האָב נישט פאַר וואָס צו קויפן... גייט זיך, קינדערלעך, דורך איבער דער שטאָט... איך וואָלט אַליין געגאַנגען... נאָר איך קאָן ניט... איך זאָל קאָנען בעטן, וואָלט איך אויף מיינע אַלטע פּלייצעס קיין שווערע עמער וואַסער נישט געטראָגן...

די כאַווירים האָבן זיך פון שמערלס רייד אַזוי פאַרשעמט, אַז זיי

זיינען אַן ווערטער אַנטלאָפֿן. נאָר באַלד האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס ביסטו אַנטלאָפֿן? — האָט לייבל געפֿרעגט.

— ווייל דו ביסט אַנטלאָפֿן, בין איך אויך אַנטלאָפֿן — האָט נאָטקע געענטפֿערט.

— לאָמיר זיך אומקערן און אים געבן צו צוויי גראָשן.

— דו נאַר, וואָס וועט ער מאַכן מיט פֿיר גראָשן?

— נו, לאָמיר אים אַוועקגעבן וויפֿיל מיר האָבן...

זיי האָבן איבערגעציילט זייער פֿאַרמעגן: אין גאַנצן האָבן זיי געהאַט ביידע צוזאַמען צוועלף גראָשן.

— אַלץ איינס ווי גאָרנישט — האָט לייבל געזאָגט.

— טאַקע ווי גאָרנישט — האָט נאָטקע געענטפֿערט — ווייל פֿאַר מיינע שיך האָט מיין מאַמע באַצאָלט עפּשער דריי רובל...

— וואָס-זשע זאָלן מיר טאָן?

— וועלן מיר אַרומגיין קלייבן געלט.

— וועלן מיר דען קאָנען? איך שעם זיך...

— נישקאָשע, וואָס האָבן מיר זיך צו שעמען? איך וועל נאָר פֿרעגן בײַ דער מאַמען, אויב זי וועט הייסן.

זיי האָבן ביידע אָפּגערעדט, אַז באַלד נאָכן עסן זאָל לייבל קומען צו נאָטקען און זיי וועלן איינער דעם אַנדערן איבערגעבן, וואָס זייערע מאַמעס האָבן געזאָגט.

2.

דער אַלטער וואַסער-טרעגער שמערל האָט שוין נישט געהאַט קיין קינדער, פֿאַר וועמען ער זאָל דאַרפֿן זאָרגן. נאָר זיין איינציקע טאָכטער, וועלכע האָט שוין לאַנג כאַסענע געהאַט און האָט געהאַט קינדער, איז פֿלוצים געבליבן אַן אַלמאָנע און די קינדערלעך — יעסוימים. האָט זי געמוזט אָנקומען מיט אירע קינדער צום אַלטן טאַטן.

שמערל האָט זיין טאָכטער מיט די אייניקלעך פֿון דער שטוב נישט אַרויסגעטריבן און האָט אָנגעהויבן האָרעווען פֿון זייערטוועגן.

ווי אין די יונגע יאָרן. נאָר פון זיין גאַנצער האָרעוואַניע האָבן זיי קוים געהאַט אַ שטיקל טרוקן ברויט. פונדעסטוועגן האָט זיך דער אַלטער שמערל געפילט גליקלעך. ווען ער פלעגט קומען אַהיים, פלעגן אים זיינע אייניקלעך אַנטקעגנלויפן, אַרומשטעלן זיך אַרום אים, גלעטן און קושן אים, רופן אים „זיידעניו". איבערהויפּט פלעגט ער זיך פילן גליקלעך, ווען עס פלעגט אים פון זיין פאַרדינסט בלייבן אויף קויפן פאַר די אייניקלעך אַ בינטל קליינע בייגעלעך, ווייל די בייגעלעך פלעגן פאַרשאַפן די קינדער גרויס פאַרגעניגן.

דאָס לעצטע מאָל אָבער, ווען דער זיידע האָט געבראַכט בייגעלעך, איז דאָס עלטערע אייניקל געבליבן שטיין פון דערווייטנס און האָט נישט געוואָלט נעמען.

דער זיידע האָט געזאָגט:

— פאַרוואָס נעמסטו נישט קיין בייגעלעך, לייעלע?

— איך וויל נישט קיין בייגעלעך, זיידעניו. איך וויל דו זאָלסט מיר קויפן אַ פּאָר שיך! איך וויל אויך אַרויסגיין אין גאַס זען, ווי די מענטשן גייען און פאָרן. איך וויל אויך גיין, ווי זיי...

—איצט, מיין קינד, האָב איך קיין געלט נישט. אַז איך וועל לעבן און געזונט זיין, וועל איך דיר קויפן אַ פּאָר שיכעלעך — האָט דער זיידע צוגעזאָגט.

3.

— פאַרוואָס נישט, מיין קינד? — האָט נאָטקעס מוטער געזאָגט, ווען ער האָט זי געפרעגט, אויב מען מעג מיט לייבלען קלייבן געלט אויף אַ פּאָר שיך פאַר שמערלס אייניקל.

באַלד נאָכן עסן איז לייבל געקומען צו לויפן צו נאָטקען אָנזאָגן אים, אַז זיין מאַמע האָט אים אויך געהייסן. אַ סימען — די מאַמע האָט אים אַליין געגעבן צען גראָשן.

נאָטקעס מוטער האָט אויך געגעבן צען גראָשן, און ביידע כאַווירים זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס.

די זון האָט געשיינט און געשמעלצט דעם שניי. פון די דעכער האָט געקאַפּעט.

— וואוהין זאָלן מיר פריער אַריינגיין? — האָט געפרעגט נאָטקע.
—איך ווייס? לאָמיר אַריינגיין צו שלוימען, דעם געוויר.
זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שפּאַרן, ווער פון זיי זאָל פריער אַריינגיין, ביז זיי האָבן באַשלאָסן, אַז גלייכער איז פריער צו גיין צום פעטער.
באַם פעטער האָט מען זיי אָבער נאָר צוגענומען פאַר געסט. דאָס אייגענע איז געווען באַ דער מומען און באַ דער באַקאַנטער שכיינע. זיי האָבן זיך געשעמט צו זאָגן, נאָך וואָס זיי זיינען געקומען.
ענדלעך האָבן זיי זיך געלאָזט גיין צו שלוימען, דעם געוויר.
שלוימע דער געוויר האָט נאָטקען מיט לייבלען געקענט פאַר „ווייסע־כעוורע” און, ווי ער האָט זיי נאָר דערזען, האָט ער זיי מיט אַ געלעכטער אָנגעהויבן ציען פאַר די אויערן.
— נו, ווייסע כעוורע, איר גייט שוין אויך אַרום? אַוואַדע אויף צוקערקעס זיך קויפן?
די קינדער האָבן קוים אַרויסגעריסן זייערע אויערן פון זיינע גראָבע פינגער און זיינען אַן אָטעם אַרויסגעלאָפן פון זיין שטוב.
זיי האָבן אַליין נישט געוואוסט, ווי אַזוי זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ שטוב פון אַ צווייטן געוויר.
— כאַ, כאַ — האָט זיך צעלאַכט דער געוויר — זיי ווילן שוין אויך געלט, כאַ, כאַ!...
נאָטקע און לייבל האָבן פאַר כאַרפּע נישט געוואוסט ווי אַזוי די טיר צו עפענען, ווי אַזוי צו אַנטלויפן.
אַריינגעקומען צו אַ דריטן געוויר.
— וואָס ווילט איר, ווייסע כעוורע? — האָט דער געוויר פריילעך געפרעגט.
ווען ער האָט דערהערט וואָס, האָט ער געזאָגט:
— וואָס? איר ווילט שוין אויך געלט? ברענגט מיר דעם קאַנטשיק, וועל איך זיי אָפּשמייסן! — און ער האָט זיי געשלעפּט צום בענקל.
קוים לעבעדיקע זיינען ביידע כאַווײרים אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס.

.4

אויף דער גאַס האָבן זיי אָנגעהויבן וויינען, נאָר באַלד האָבן זיי זיך פֿאַרשעמט און אַ פּאָר מינוט געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן.

— הערסטו, לייבל, וואָס איך וועל דיר זאָגן?

— וואָס?

— איך וויל דיר זאָגן, אַז ווען מיר זאָלן האָבן געלט, וואָלטן מיר געקויפֿט אַ פּאָר שיך בײַ כײַטשען, דער שוסטערקע.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו כײַטשעס „שטעל" און נישט אַראָפּגעלאָזט פֿון איר די אויגן.

— וואָס שטייט איר, קינדערלעך? — האָט זיי געפֿרעגט כײַטשע, וועלכע האָט זיי גוט געקענט.

האָבן זיי איר דערציילט די גאַנצע מייסע.

— ווייסט איר וואָס, קינדער? קויפֿט בײַ מיר אַ פּאָר שיך...

— מיר האָבן אָבער נישט קיין געלט.

— נישקאָשע, איך קען אייך, איר וועט מיר אויסצאָלן. איר זייט ערלעכע קינדער... יאָ, איר וועט מיר אָפּגעבן? איך בין דאָך אַליין ניט קיין רייכע יידענע...

די כאַווירים האָבן זיך געשוואוירן, אַז זיי וועלן איר אָפּגעבן, נאָר עס וועט געדויערן, ווייל די מאַמעס גיבן זיי נאָר צוויי גראָשן אַ טאָג.

— ניין — האָט כײַטשע געזאָגט — גייט נאָך אַ ביסל אַרום. וויפֿיל איר וועט מאַכן, וועט איר מיר אָפּברענגען און דאָס איבעריקע וועט איר ביסלעכוויז אָפּצאָלן.

— וואו־זשע זאָלן מיר נאָך גיין? מיר זיינען שוין געווען בײַ אַלע געווירים.

— פֿעלט אוים די רייכע הייזער, קינדערלעך. גייט אין די אַנדערע הייזער. דאָרט וועט מען פֿון אייך ניט כויזעק מאַכן.

זי האָט אויסגעקליבן אַ פּאָר גוטע שיך, איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר און געגעבן די קינדער.

כײַטשע איז געווען גערעכט. אין אָוונט האָבן שוין די כאַווירים

געהאַט אַ היפּש ביסל געלט און זיי זיינען מיט גרויס פרייד געלאָפן צו כייטשען.

איצט לויפן זיי צום אַלטן וואַסער־טרעגער.

.5

וווּ הינטער דער שטאָט לעבן באַרג געפינט זיך אַ נידעריק שטיבל. דאָרט וואוינט שמערל דער אַלטער וואַסער־טרעגער.

לייעלע, שמערלס עלטער אייניקל, איז טרויעריק: זי האָט פאַר־לאָרן איר גאַנצע האָפענונג — נישטאָ קיין שיך!... זי וועט שוין אַזוי גיך נישט גיין אויף דער גאַס...

פלוצים האָט זיך געעפנט די טיר און עס זיינען אַריינגעלאָפן נאָטקע מיט לייבלען. זיי האָבן אַנידערגעשטעלט אויפן טיש אַ פּאָר נייע שיכלעך.

אַלע קינדערלעך זיינען אויפגעשפּרונגען.

שמערל האָט אַרומגענומען לייבלען מיט נאָטקען און אויף זייערע פּענעמער האָבן פון שמערלס אויגן אַראָפּגעקאַפּעט טרערן...

.6

אויף מאָרגן האָבן די קינדער געזען גיין אויף דער גאַס אַ מיידעלע מיט שפּאָגל־נייע שיכעלעך.

דאָס איז געווען לייעלע, שמערל דעם וואַסער־טרעגערס אייניקל — און כאָטש די שיך זיינען געווען צו־גרויס אויף אירע פיסעלעך, פון דעסטוועגן האָט זי זיך מיט זיי זייער געפרייט, ווייל דאָס איז געווען בײַ איר די ע ר ש ט ע פּאָר שיך.



מיי

אַ גוט מאָרגן, קינדערלעך,
נעמט מיך אויכעט מיט!
גרענעצן צעבינדן זיך,
און מע הערט שוין טריט.

אַט אויף אַלע וועגן
גייט דער מיי אַנטקעגן!

הערט נאָר גוט זיך איין:
מיר ווערן באַלד שוין פריי —
אַרבעטער פון ענגלאַנד,
פראַנקרייך און טערקיי,
אַרבעטער פון דייטשלאַנד,
כינע און אַמעריקע —
מיר ווערן באַלד שוין פריי!
היינט איז אונדזער מיי!

הירש לעקערט

• עסטער

11 יוני, 1922. צוואַנציק יאָר איז אַוועק זינט יענער נאַכט, ווען מע האָט אין ווילנע געהאַנגען הירש לעקערטן.

אַ גרויסער פּלאַץ אין מיטן שטאָט מינסק. דאָרט איז געשטאַנען אַ דענקמאָל דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

איצט הייסט דער פּלאַץ — פרייהייט-פּלאַץ. פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס דענקמאָל — געבליבן אַ הוילער שטיין.

און אָט דער פּלאַץ איז היינט פאַרפלייצט מיט מענטשן. רויט-אַרמייאישע טיילן, אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע פאָנען, יוגנט-אָרגאַניזאַציעס. מוזיק שפּילט. די פאָרטרעטער פון דער רעגי-רונג האָבן זיך דאָ היינט פאַרזאַמלט אַרום דעם אָרט, וואו ס׳איז געווען אַמאָל אַ דענקמאָל דעם מעכטיקן קייסער.

זיי לייגן אַ גרונטשטיין צו אַ דענקמאָל, אַ נייעם דענקמאָל אויפן אָרט פון אַמאָליקן דענקמאָל פון קייסער.

אַלע באַלקאָנען זיינען פול מיט מענטשן. אַלע אַרומיקע גאַסן זיינען פאַרפלייצט. מע שטייט און מע קוקט און מע כאַפּט די ווערטער.

וועמען שטעלט מען אַ דענקמאָל אויפן אָרט פון דעם קייסער?

מע שטעלט אַ דענקמאָל אַ יידישן יונגן אַרבעטער, אַ שוסטער, וואָס איז געהאַנגען געוואָרן מיט צוואַנציק יאָר צוריק אין אַ פינצטערער נאַכט אין ווילנע. אַן אַרבעטער, וואָס זיין קייווער איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד, דעם אַרבעטער — הירש לעקערט.

עס בייגן זיך פאַר אים די רויטע פאָנען, עס גיבן אים אָפּ קאָוועד די טויזנטער אַרבעטער און פויערים.

— הירש לעקערט, דו לעבסט! הירש לעקערט, דו האָסט געזיגט!

לאַבזיק און דער נעגער־יינגל

● כאַווער פאַווער

לאַבזיק פאַרמאַכט איין אייגל. אַזאַ טעווע האָט ער. ווען ער פאַרשטייט עפּעס ניט, פאַרמאַכט ער איין אייגל.

וואָס־זשע אַזוינס פאַרשטייט ער ניט? ס'איז אַריינגעקומען אַ יינגל אין הויז אַריין, מוליקס אַ כאַווער. איז דאָך גוט, האַ? נײַן אָבער, פאַר לאַבזיקן איז דאָס ניט גוט, ווייל דעם יינגלס פּאָנעם איז אַנדערש פון אַלע יינגלעך אויף דזשעקסאָן עוועניו.

דער יינגל האָט געהאַט געקרייזלטע האָר. דאָס איז גוט. אַ סך יינגלעך האָבן געקרייזלטע האָר. די נאָז בײַ דעם יינגל איז אַ קורצע און אַ פאַררייסענע. דאָס אַרט אים אויך ניט. דער יינגל האָט געהאַט קליינע אויערלעך. מאַכט אויך ניט אויס. אָבער וואָס עס האָט אים יאָ אויסגעמאַכט, איז וואָס דעם יינגלס פּאָנעם איז געווען שוואַרץ. אַזאַ זאַך האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען און ס'האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. פאַרוואָס האָט אים געדאַרפט אַזוי שטאַרק פאַרדריסן, ווייסן מיר ניט, ווייל אַ הונט בלייבט אַ הונט.

שווייגט לאַבזיק. און אַז לאַבזיק שווייגט איז אַ שלעכטער סימען. אַזאַ טעווע האָט ער שוין. אַז ער דאַרף עמיצן אַ בים טאָן, מאַכט ער זיך פריער אַ שוויַיג.

נויעך האָט געהייסן דער שוואַרצער יינגל און האָט אויך געוואוינט אויף דזשעקסאָן עוועניו, און געלערנט אין דער זעלביקער פּאָבליק סקול, וואו מוליק האָט געלערנט.

זיצן אַזוי ביידע כאַווירים און שמועסן. מוליק דערציילט עפּעס אַ זאַך און נויעך לאַכט:

— האַ, האַ, האַ, האַ!

דערנאָכדעם דערציילט נויעך אַ זאַך און מוליק לאַכט:

— כאַ, כאַ, כאַ!

און לאַבזיק גאַנוועט זיך אַזוי שטילערהייט, טריט בײַ טריט, און מיטאָמאָל — ציאַפּ! אַ כאַפּ געטאָן נויעכן בײַם פוס.

צעשרייט זיך נויעך פון ווייטיק. ווערט מוליק דערשראָקן און הויבט אָן צו רופן:

— מאַמע, מאַמע!

לויפט אַריין די מאַמע מאַלי. דערזעט, וואָס עס איז געשען. פאַר־לירט זי זיך ניט, כאַפּט טייקעף אַ ריינעם האַנטעך, נעצט אים איין אין וואַסער און פאַרבאַנדאַזשירט נויעכן דעם פוס.

לאַביק האָט שוין גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אָנגעמאַכט אַ צאָרע, איז ער אַרונטער אונטערן בעט און האָט זיך פאַרבאַהאַלטן.

נויעכן האָט ווי געטאָן, האָט ער אַ ביסעלע געוויינט. מוליק האָט געכאַפּט אַ שטעקן, אַרויסגעשלעפּט לאַביקן און אים געגעבן צען שטעקנס. לאַביק האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳קומט אים, האָט ער געמאַכט ווידער אַ שוויג און זיך געלאָזט אָנשלאָגן.

נויעך איז אַהיימגעגאַנגען און מ׳וואָלט שוין די זאַך געוועזן פאַר־געסן. אָבער הײמי דער גלעזער האָט באַגעגנט נויעכן און זיך דער־וואוסט וועגן דער גאַנצער זאַך. קומט ער צו לויפן צו מוליקן און גיט אַ מאַך:

— מוליק, דיין לאַביק איז אַ ווייסער שאָוויניסט.

— אַ ווייסער וואָס? — וואונדערט זיך מוליק און קאָן גאָרנישט פאַרשטיין דאָס וואָרט.

— אַ ווייסער שאָוויניסט — רופט זיך נאָכאַמאָל אָן הײמי.

— וואָס הייסט אַ שאָוויניסט? — פאַלט מוליק אַראָפּ בײַ זיך, וואָס ער פאַרשטייט ניט דאָס וואָרט.

— אַ ווייסער שאָוויניסט — גיט דער גלעזער הײמי צו דערקלערן — איז אַזאַ איינער, וואָס מיינט, אַז נאָר די ווייסע זיינען די בעסטע מענטשן און די שוואַרצע טויגן שוין גאָרניט.

— אַזוי גאָר? — ווערט שוין מוליק שטאַרק בייז — היי, דו, לאַביק, איך וועל דיר שוין ווייזן.

הײמי לויפט דערווייל צו צום אָפענעם פענצטער און שרייט אַראָפּ צו דער גאַס:

— היי, לייבל, ווילי, אַרקע, דייווי, עסטער, סילווי, פּערל, מערל, זיסל, יאָסל, נויעך!

ווערט טייקעף אַנגעפּילט בערל דעם אַפּרייטערס הויז.

זיצן אַזוי אַלע קינדער און לאַבזיק איז נאָך אַלץ אונטערן בעט. ער איז אַזוי דערשראָקן, אַז ער ציטערט אַזש מיט די אויערן.

האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן. האָט מען אים געהייסן שטיין אינמיטן שטוב אַנטקעגן נויעך מיטן באַנדאַזשירטן פּוס. האָט לאַבזיק געקוקט אויף נויעכן און געפּינטלט מיט ביידע אייגעלעך. האָט היימי דערציילט פאַר די קינדער, וואָס עס איז געשען. זיינען די קינדער געווען שטאַרק אויפגעקאָכט.

האָט היימי געפרעגט, וואָס דאַרף מען טאָן לאַבזיקן פאַר אַזאַ זאַך. האָט מען גערעדט און גערעדט און באַשלאָסן...

וואָס מען האָט באַשלאָסן ווייס ניט לאַבזיק. נאָר אַלע קינדער זיינען מ׳טאַמאַל אַוועק, און ס׳איז געוואָרן אַזוי שטיל אין הויז.

שטייט לאַבזיק און ווייס ניט וואָס צו טאָן. זעט ער ווי מוליק זעצט זיך לייענען אַ בוך. וויל ער אים איבערבעטן, לויפט ער צו צו אים און וויל אים אַ לעק טאָן. דרייט מוליק אַוועק דעם קאָפּ פון אים. לויפט לאַבזיק צו דער מאַמע מאַלין און וויל איר אַ לעק טאָן, דרייט אויך אַוועק די מאַמע מאַלי איר קאָפּ פון אים.

ווערט שוין לאַבזיק שטאַרק דערשראָקן און לויפט אַרויס אויף דער גאַס. זעט ער אַרקען, סילוויען, בעניז, דייווין, קערן זיי זיך אויך אָפּ פון אים.

אָט דאָס איז טאַקע געווען די שטראָף פאַר אים. די קינדער האָבן אָפּגעמאַכט, אַז אַ גאַנצע וואָך טאָר קיינער ניט אויסרעדן קיין וואָרט צו לאַבזיקן.

מאָלט אייך, וואָס לאַבזיק האָט געפילט אין דער וואָך איז גאָרניט צו באַשרייבן. אָבער ווי גרויס איז געווען זיין פרייד, ווען די וואָך פון זיין שטראָף האָט זיך געענדיקט.

אָבער מערער וועט ער שוין ניט בייסן קיין שוואַרצע ייִנגלעך, וואָס טשעפּען אים ניט. אָ, ניין!

אין ערגעץ־לאַנד

י. ל. פּערעץ ●

אונטער דער שטאָט, אויף אַ בערגל אַ ליימיקס, שטייען גלייך ווי צונויפגעוואַקסענע צוויי קליינע הייזלעך. אויף הינערשע פיסלעך שטייען זיי, די הייזלעך, און עס קאָן זייער זיין, אַז ווען ניט דאָס, וואָס זיי זיינען אַזוי צוזאַמענגערוקט און שפּאַרן אונטער איינס דאָס צווייטע, וואָלטן זיי שוין לאַנג אויף די הינערשע פיסלעך ניט געשטאַנען. דער ערשטער בעסטער ווינט וואָלט זיי פון בערגל אַרונטערגעטראָגן.

אין איין הייזל האָט געוואוינט אַ האָלצהעקער, וואָס פלעגט אַ גאַנצן זומער־טאָג — און די מייסטע איז געווען זומער — שפּאַלטן האָלץ אין די הויפן — מיט אַ ווייב אַ לעקעך־בעקערין, וואָס פלעגט אַרומגיין אין די רייכע הייזער און באַקן לעקעך.

ניט קיין גרויסע שטאָט געווען, אָבער אַ גענוג רייכע, דאָס הייסט — געווען אַרעמעלייט און פיל, אָבער רייכע אויך. און די רייכע האָבן ליב לעקעך צו עסן, אָבער ניט לעקעך צו באַקן... זיי ווילן זיך ניט אָפּברענען דאָס פּאָנעם באַם פייער פון אויוון און אַריינשטעקן די הענט אין מעל און טייג...

דאָס צווייטע פּאַרפאָלק איז געווען פּאַרנומען אין שטאָט. ער איז געווען אַ טרעגער, וואָס איז געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אין מאַרק, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק און אָפּגעוואַרט, מען זאָל אים הייסן ערגעץ אָפּטראָגן סכוירע. און זי — זי איז, ניט פּאַר אייך, קינדערלעך, געדאַכט, אַ קראַנקע געווען און דעמאָלט געלעגן אין שפּיטאָל...

און די צוויי קינדער זיינען געווען: דעם האָלצהעקערס אַ ייִנגל פון אַ יאָר זיבן־אַכט און דעם טרעגערס אַ מיידל פון אַ יאָר זעקס־זיבן. ווי איר זעט, קימאַט אין איין עלטער.

יאָ, געהייסן האָבן זיי: ער — איציקל, זי — שיינדעלע.

איינמאָל אין דער פרי, אַ שיינער זומער־טאָג געווען. די עלטערע פון די הייזלעך זיינען שוין לאַנג אין שטאָט. קומט אַרויס פון איין הייזל איציקל, קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, צי איז שוין שיינדעלע ניט אַרויסגעקומען. זעענדיק, אַז ניט, גייט ער צו איר פענצטערל צו און קוקט אַריין. זעט ער, אַז שיינדעלע, נאָך ניט אינגאַנצן אָנגעטאָן,

שטייט באַ דער שיסל וואַסער. זי דאַרף זיך וואַשן, האָט שוין אָנגע־בויגן דאָס קעפּל און האַלט זיך אָפּ, מיסטאָמע קיל וואַסער געווען.

פרעגט ער, איציקל, אין שייבל פון פענצטערל אַריין:

— שיינדעלע!

— וואָס, איציקל?

— וואַש זיך אָפּ געשווינט, טו זיך אָן און קום אַרויס, מיר וועלן עפּעס טאָן...

— וויאָס?

— ווערסט שוין זען. עס איז מיר עפּעס איינגעפאַלן. נאָר גע־שווינט, שיינדעלע.

— ווי דו הייסט — ענטפערט שיינדעלע און הייבט זיך אָן פּליעסקען אין וואַסער.

אַז שיינדעלע איז אַרויסגעקומען פאַר דער טיר, איז שוין אַ גרויסע זון געווען. פאַרלייגט זי דאָס פלאַכע הענטל איבער די אויגן און הייבט דאָס קעפּל אויף און דערזעט: איציקל איז אויפן שפּיץ פון ליימיקן בערגל. פייל פון בויגן איז זי צו אים צוגעלאָפן:

— אָבער וואָס טוסטו, איציקל?

זי באַמערקט ערשט, אַז איציקל גראָבט אינעם ליים.

— דאָס — ענטפערט איציקל — איז דאָך די אַרבעט, פון וועלכער איך האָב דיר געזאָגט....

— וואָס האָסטו געזאָגט? וואָס איז דיר איינגעפאַלן?

— יאָ, שיינדעלע, פאַר ליים צאָלט מען אין שטאָט געלט. איז מיר איינגעפאַלן, אַז מיר זאָלן גראָבן ליים ——

— איך אויך?

— דו אויך, שיינדעלע!... דאָס ליים וועלן מיר פאַרקויפן אין שטאָט, און פאַרן געלט עפּעס קויפן פאַר דיין מאַמעס וועגן, אין שפּיטאָל אַריין.

— אוי, אַ גוטער ביסטו, איציקל! — שרייט אוים שיינדעלע און לאָזט די פינגערלעך אין ליים אַריין...

צעלאַכט זיך איציקל:

— עי, שיינדעלע, ניט פאַר דיינע פינגערלעך. דראַפּעסט מיט די

נעגעלעך ווי אַ קעצל... לאָז געמאַך!

— ניין, ניין... אַז דו אַרבעטסט, וויל איך אויך...

— כ'מיין ניט — זאָגט איציקל — זאָלסט ליידיק גיין. נאָר ווייסטו וואָס — דו ברענג אַרויס אַ מולטערל. איך וועל גראָבן און דו וועסט וואַרפן אין מולטערל אַריין. דערנאָך וועל איך אָוועקטראָגן אין שטאָט אַריין...

— ניין, איציקל, איך וועל אויך טראָגן, איך וויל...

— וועסט מיר העלפן, שיינדעלע...

— גוט! — לאַכט שיינדעלע און ברענגט אַרויס אַ מולטערל.

איציקל גראָבט ווי אַ דערוואַקסענער. שיינדעלע קוועלט פון זיין שטאַרקייט און זאַמלט דאָס ליים. קוקט אויף איציקלס הענט און זאַמלט און שרייט נאָך אַ צייט אויס:

— איציקל, פול!...

כאַפּט איציקל דאָס מולטערל אויף דעם אַקסל:

— האַלט אונטער, שיינדעלע!

שיינדעלע האַלט אונטער און זיי לאָזן זיך ביידע פון ליימיקן בערגל אַראָפּ. באַלד אונטערן בערגל זעען זיי, זיצט עמיץ. שטעלן זיי זיך אָפּ. באַטראַכטן — עפּעס אַ יונגער מענטש אין אַ פּעלערינע, אין אַ גרויסן קאַפּעליוש מיט ברייטע, ברייטע ראַנדן, וואָס פאַרשטעלן אים דאָס פּאָנעם. די קינדער זעען דאָ אַזאַ פיגור צום ערשטן מאָל.

— כ'האָב מוירע! — שטעלט זיך שיינדעלע אָפּ.

— ע, וואָס איז דאָ מוירע צו האָבן? — איך וועל צו אים צוגיין.

— אַז דו וועסט צוגיין, גיי איך אויך... כ'וועל דיך אַליין ניט לאָזן...

לייגט איציקל אָפּ די לאַסט פון די אַקסלען און גייט צו צום יונגנמאַן און דערלאַנגט אים אַ ברייטן „שאָלעם אַלייכעם!“

דער יונגערמאַן וועקט זיך ווי פון אַ דרימל...

— אַ, שאָלעם אַלייכעם!... איי, צוויי קינדערלעך...

— זייט מויכל, כ'האָב אייך געוועקט?

— עט, אַ ביסל געדרימלט, מיד פון וועג...

— פון ווייט? — פרעגט איציקל.

ווערט שוין שיינדעלע האָפּערדיק:

— איר דאַרפט אין שטאָט אַריין, וועלן מיר אייך ווייזן...

— מיר טראָגן — זאָגט איציקל שטאָלץ — ליים אין שטאָט אַריין.

— נאָך וואָס?

— געלט פאַרדינען — זאָגט איציקל.

— פאַר מיין מאַמען אין שפּיטאָל אַריין עפּעס צו קויפן... — פירט אוים שיינדעלע.

זאָגט דער פרעמדער:

— איך גיי דעריבער ניט אין אייער שטאָט אַריין, ווייל מען אַרבעט דאָרט...

איציקל מאַכט אַ ניט-גלויביקע גרימאַסע. שיינדעלעס אייגעלעך פלאַמען אָבער נייגעריק אויף.

— וואוהין דען? וואו מען אַרבעט ניט? אפילו עלטערע? וואו קיינער אַרבעט ניט?

— קיינער — שניידט אָפּ דער פרעמדער.

איציקל שמייכלט ניט-גלויביק.

— איר ווילט זען? קומט מיט מיר — זאָגט דער פרעמדער.

— וואוהין?

— קיין „ערגעץ"...

— אַזאַ שטאָט?

— אַזאַ לאַנד ——

— ווי הייסט?

— דאָס גאַנצע לאַנד — פאַרציילט דער פרעמדער, דאָס גאַנצע לאַנד, וואוהין איך גיי און קאָן אייך מיטנעמען, איז איין גאָרטן. אַ גאָרטן אָן אַ גרענעץ, אָן אַ ברעג... און דאָרטן וואַקסן גרייט אַלערליי פרוכטן...

— רייסט מען?

— ניין... רייסן איז אויך אַן אַרבעט. מען גייט נאָר צו: „בוים, בוים, גיב אַ פרוכט!" בייגט דער בוים צו אַ צווייג צום מויל, מיט אַן עפּל, מיט אַ באַרנע, מיט אַן אַפּעלסין, מיט וואָס איר ווילט...

— בייסט מען אָפּ?

— ניין... בייסן איז אויך אַן אַרבעט. מען גיט אַ שלונג, און די פּרוכטן זיינען דאָרט אַזוינע, אַז זיי צעגייען זיך אַליין אין מויל...

— נאָר פּרוכטן? — פרעגט איציקל, אין דער זאַך שוין אַ ביסל אַריינגעצויגן.

— ברויט אויך, זעמל אויך. אויף נידעריקע ביימלעך וואַקסן זיי, שוין געבאַקענע... און בלומען אויך...

— און מענטשן וואָס טוען? — פרעגט איציקל.

— גאָרנישט. ליגן אין שאָטן פון ביימער, אויף געלעגערס פון אַלערליי פאַרביקע און שמעקנדיקע בלומען און האָבן טיינעג.

— עפּעס אַ קישעף — מאַכט שיינדעלע — אַ צויבערלאַנד...

— ערגעץ־לאַנד — זאָגט דער פרעמדער — קומט, קינדערלעך, אין ערגעץ־לאַנד...

— איך גיי ניט! — שרייט פּלוצלונג אויס איציקל.

— פאַרוואָס? — פרעגט דער פרעמדער.

— וואָס וועל איך דאָרטן טאָן? — פרעגט איציקל צוריק.

— פאַרגעניגן האָבן! — זאָגט דער פרעמדער — ליגן אויף בלומען... עסן... טרינקען...

— נאַריש!...

— אָבער ניט אַרבעטן...

— ניין! — ענטפערט פעסט איציקל — איך וואָלט מעשוגע געוואָרן פונעם ליידיק גיין... ווי קאָן מען עס ליגן?... ניין!

— אַז דו — ניט, איך — אויך ניט... — קוקט שיינדעלע מיט אירע געטרייע אייגעלעך איציקלען אין פּאָנעם אַריין.

דער פרעמדער ציט מיט די אַקסלען און גייט זיך זיין וועג.

— ווייסט, שיינדעלע — פרעגט איציקל — ווער דאָס איז געווען? דער יעיצער־האָרע פון ליידיק גיין...

— עמעס! און מיך, איציקל, אַז דיר וואָלט ער פאַרפירט, און איך דאַנק דיר דערפאַר.. און קום — שפּרינגט זי אויף — לאָמיר גיין מיטן מולטערל ליים...

און זיי האָבן אַזוי געטאָן...

אינהאַלט:

זייט

דאָס נייע ליד—א. רייזען — — — — 3

מאָגנטיק—מאַרק טוויין — — — 4

דאָס ליד פון ברויט—מאַני לייב — 9

באָם טייך—שאָלעם אַליכעם — — 11

סאָף זומער—בעצאַלעל פרידמאַן — 14

ניין בעלעמער—מ. קיפּניס — — 15

האַרבסט—א. רייזען — — — — — 16

אין כיידער—שאָלעם אַליכעם — 17

דער ווינט—מוישע שיפּרים — — 19

האַרבסט אין וואַלד—מענדעלע — 20

באָם יאָם—מאַני לייב — — — 21

דער אינדיק—שאָלעם אַליכעם — 22

דער קאַנאַריק—מאָרים ראָזענפעלד 23

אַן אומזיסטער כשאַד

—לעאָן קאָברין — 24

באָם באַלעבאָס טיר—א. רייזען — 29

אין גאָלדענעם לאַנד

—מ. ל. האַלפּערן — 30

אין שאָפּ—שאָלעם אַליכעם — — 31

מיין ייגגעלע—מ. ראָזענפעלד — 34

די צוויי פריינט—פּ. שילער — — 35

אַ וויגליד—אַווראָם קאַהאַן — — 38

דער לייב און דער מענטש

—„אַנפאַנגגער" — 39

די דורכגייער און די הינט

—פּ. קאַפּלאַן — 41

דער שטומאַק—סאָרע באַרקאַן — 42

אַ ייד אַ פויגל—שאָלעם אַליכעם— 45

אונדזער לאַנד—י. י. שוואַרץ — 48

זייט

אַ גראָם צו ברויט—כאַווער פּאַוער 49

פרייד פון ערד—א. רייזען — — 52

מ'קאָן אַרבעטן אָן אים—איבער-

דערציילט פון ש. פענסטער 53

אַ פריילעכס—סאָרע פעל-יעלין — 55

אַ באַגעגעניש—מ. גאָרקי — — 56

היי, ערדעלע—י. דאָברושין — — 58

דער קליינער מאַטראָס—א. מייזל— 59

צום ברודער—ש. פרוג — — — — — 62

איז אַוועק צום קריג

—מ. קאָנאָפּניצקאַ — 63

אין רייכן לאַנד—י. ה. ראַדאָשיצקי 64

פּאַרלאָרן דעם באַלעבאָס—ז. ליבין 65

אַ מייסע מיט אַ מאַנטל

—קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — 70

ווען דער פּאַפּאַ סטרייקט—ז. ליבין 74

שפּאַניש וויגליד—א. קורץ — — 78

די שיכפוצער—ש. צעסלער — — 79

די נויט—מאַני לייב — — — — — 80

שאַך-שפּיל—לעפּעשינסקי — — — 83

דער מישפּעט—י. אָפּאַטאָשו — — 85

צוויי ברידער—אַגאָדע — — — — 88

אַ פינגער אין טינט—מ. שיפּרים— 90

אַכאָו און נאָוואוים — — — — — 91

דזשעק—מ. ווינטשעווסקי — — 92

שלאָגן אַ קלענערן

—שאָלעם אַליכעם — 93

ווינטער—ז. ווייַנפּער — — — 94

כאַנעקע-געלט—שאָלעם אַליכעם — 95

זייט

באַם פענצטער—יאָסל קאָטלער — 100

אַ קויל שניי—ד׳אַמיטשים — — 101

די מייסע פונעם נעגערל
—ז. וויינפּער — 104

שמעלקע יעגער—נ. שמיגעלסקי — 106

דאָס פערד און קעמל—נ. יוד — 108

מיר גייען אין די מואוויס
—שאָלעם אַליכעם — 110

מאַזלדיקער האָז—י. גויכבערג — 114

גוטע כאַווירים—ל. טאָלסטאָי — 115

דער קוואָרטעט—מ. ריוועסמאַן — 117

די צעטיילונג—יידיש: א. לייב — 119

ווייל אַ באָבע איז אַזוי
—ש. וואַסערמאַן — 121

דער הייפּיש—ל. טאָלסטאָי — — 122

דריי פישער—מאַני לייב — — 124

די שיף ברענט—בערטאַ לעלטשוק 125

דאָס ליד באַם נאָרדפּאָל
—י. קאָטליאַר — 127

צו די אָדלער נעסטן
—יידיש: ש. באַסטאָמסקי — 128

איבערעהעם לינקאָלן
—מ. ראָזענפעלד — 131

אַ פייער—ד׳אַמיטשים — — — 132

אַ מיידל אין ווייסע שיך
—קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — 134

שמועל מילנער—י. שטיינבערג — 136

וויגליד—ש. פרוג — — — — — — 141

זייט

דער וואָלף און דער מענטש
—ברידער גרים — 142

דער צויבערמאַן—יעהויאָש — — 144

ווען איך וועל ווערן גרויס
—מוישע שיפרים — 146

אין פאַבריק—נ. יוד — — — — — 150

ערגער פון אַ גאַנעוו
—שאָלעם אַליכעם — 151

אַ ניו-יאָרקער בילד—א. רייזען — 153

די בעסטע סכוירע—אַגאַדע — — 154

נאָטע גייט—וואָלף יונין — — — 155

דריי מאָל אַ שפּרונג—אַגאַדע — — 156

אַ לענדלאָרד—מאָריס ראָזענפעלד— 157

אַכמעד—יידיש: א. לייב — — 158

פרילינג—נ. יוד — — — — — — 161

צו גאַסט—י. א. ראָנטש — — — 162

מיין קעניגרייך—יעהויאָש — — 164

כאַראַטע—י. קרעפּליאַק — — — 165

ווידער איז דער מיי געקומען
—מ. ראָזענפעלד — 171

דעבס—נ. גראָס — — — — — — 172

הירש לעקערט—ל. בערקאָוויטש — 173

קינדער—מ. ספּעקטאָר — — — 175

מיי—קוויטקאָ — — — — — 181

הירש לעקערט—עסטער — — — 182

לאַבזיק—כאַווער פּאַוער — — — 183

אין ערגעץ-לאַנד—י. ל. פּערעץ — 186